HARVARD UNIVERSITY LIBRARY
APR 3 1961
YP 2614.50

◆ ◆ אומפּאַרטייאישע טריבונע פאַרן אידישן וואָרט און געדאַנק ◆ ◆

• „אין ידיו לשון זאָלסטו לעבן“ •

New Yorker Wochenblat

ניו יאָרקער וואָכנבלאַט

26טער יאָרגאַנג

נומער 540

Vol. 26, No. 540, December, 1960

דעצעמבער, 1960, תשכ״א

אינהאַלט

י. ליבמאַנס שוועסטער
משה פיינשטיין
ש. דאַמניץ
דר. י. שוואַרצבאַרט
י. אַדלער
דוד איינהאָרן
ש. טענענבוים
ל. מאַרקאָוויטש
דר. יעקב ב. גלען
נ. שמן
א. לאָקשיין
דר. א. שטילמאַן

# כדי איר זאָלט וויסן...

צו אַלע חשובע לייענער פון דעם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“ און צו אַלע געטרייע פריינט און פאַרעהרער פון דעם פרי־פאַרשטאָרבענעם גרינדער און לאַנג־יאָריקן רעדאַקטאָר יצחק ליבמאַן ז״ל...

עס איז מיט אַ שווערן געמיט וואָס מיר לאָזן אייך וויסן אַז דאָס איז, לײדער, די לעצטע אויסגאַבע „וואָכנבלאַט“ וואָס וועט דערשיינען, נאָך אַן עקזיסטענץ פון 26 יאָר. מיר האָבן זיך באַמיט מיט אַלע אונזערע כוחות, אַרויסגעבן און אויסהאַלטן אָט־אָ דעם אידישן ליטעראַרישן זשורנאַל. אָבער עס איז אוממעגלעך, אויף לאַנג, צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון אָט דעם דינאַמישן, פייאיקן און אָפּפערוויליקן מענטש. מיר האָבן געמאַכט, אָבער, די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג מיט דער האָפענונג אַז עס וועט זיך ענדלעך אָפּרופן דער פּאַסיקער מענטש, וואָס וועט איבערנעמען און ווייטער אָנגיין מיט דער צייטונג. נאָר עס האָט זיך ניט געפונען קיין איין מענטש, אָדער אַפילו אַ גרופּע מענטשן, וועלכע זיינען געווען גרייט איבערצונעמען, און ווייטער ציען דעם פאָדעם אין דעם שווערן אָבער שוין־אויסגעטראָטענעם וועג פון אַזאַ חשובע אידישע צייטשריפט ווי דאָס „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“.

מיר באַדאַנקען האַרציק פריינט מרדכי ירדני פאַר צוטראָגן זיין טייל אין רעדאַקטירן דעם זשורנאַל דורך דעם שווערן יאָר פון נסיון. מיר באַדאַנקען אויך די שרייבער־משפּחה אַרום דאָס „וואָכנבלאַט“, פאַר זייער צוטראָג אין דערמוטיקן אונז, און שטאַרקן אונזערע הענט אין דער שעה פון צווייפל און טרויער. גלייכצייטיק באַדאַנקען מיר אייך, געטרייע לייענער און פריינט פון דעם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“ פאַר אייער לאַנג־יאָריקער שטיצע צום זשורנאַל.

⁂

מיר ווענדן זיך דאָ אָבער צו די אַלע לייענער, וועלכע האָבן רעגלמעסיק באַקומען די אויסגאַבעס פון דעם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט“, נאָר וועלכע האָבן לײדער נאָך ניט אַריינגעשיקט זייער אָפּצאָל. לעצטנס האָט איר באַקומען אַ דערמאָנונג וועגן אייער חוב צום „וואָכנבלאַט“. מיר ווילן אַז איר זאָלט וויסן אַז יעדער אָפּצאָל וואָס איז אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע איז באַשטעטיקט געוואָרן פון דער פאַרוואַלטונג מיט אַ קבלה (רעסיט) געחתמעט פון ר. שטיינבערג, פינאַנץ־סעקרעטאַר. אויב איר האָט זיך נאָך ניט אָפּגערופן, זייט אַזוי גוט און שיקט עס גלייך צו צו אונז. מיר האָבן נאָך גרויסע הוצאות צו דעקן אײדער מיר פאַרשליסן די טיר.

מיר בעטן אייך ליבע פריינט, שפּאָרט אונז די מי און דאָס געלט פון אַרויסשיקן נאָך דערמאָנונגען. יעדער אָפּצאָל אוןביישטייערונג צום „וואָכנבלאַט“, באַצייטנס, וועט זייער אָפּגעשאַצט ווערן.

פאַר דער ליבמאַן משפּחה פאַרוואַלטונג:

| | |
|---|---|
| מרים שולמאַן | סידי רובינסאָן |
| שולמית הערשקאָוויץ | רחל שטיינבערג |

## אין און אַרום דעם יצחק ליבמאַן צווייג 360, א.נ.א.פ.

ווי אייך איז באַקאַנט האָט דער פאַרבאַנד געגרינדעט אַ צווייג לכבוד יצחק ליבמאַן נאָך מיט 9 יאָר צוריק. זיין גאַנץ לעבן האָט יצחק ליבמאַן געווידמעט זיין כוח, מי, פען און טאַט, לטובת דעם אויפבוי פון מדינת ישראל. אײדער ער איז נפטר געוואָרן האָט ער געחלומט צו באַזוכן ישראל, אָבער, לײדער, האָט ער דעם טרוים ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן.

האָבן די חברים און חברות אין דעם יצחק ליבמאַן צווייג אָנגענומען אַ באַשלוס צו פלאַנצן אַן אַלייע פון 1000 ביימער אין ישראל, און אין אַזאַ אופן פאַרבינדן און פאַראייביקן זיין נאָמען מיט דעם באָדן פון מדינת ישראל.

אין גיכן וועט איר קירגן אַן אויספירלעכן בריוו וועגן דעם ענין מיט אָנווייזונגען ווי אַזוי איר קאָנט זיך באַטייליקן און העלפן דעם פּראָיעקט פון פלאַנצן אַ חורשה, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען פון יצחק ליבמאַן ז״ל. מיר האָפן אַז אייער אָפּרוף וועט זיין אַ וואַרעמער.

די עקזעקוטיווע

אַ האַרציקן מזל־טוב צו אונזערע ליבע פריינט
ראָזע און סעם קרעדיטאָר
צום געבורט פון אייער נייעם אייניקל לוי זלמנ׳קע
און צו די גליקלעכע עלטערן
גאָלדעלע און גרשום גרינמאַן.
די ליבמאַן משפּחה

משה פיינשטיין פון העברייאיש: צבי שטאַק

# דער עלנטער דיכטער

(צום אָנדענק פון דיכטער א. לוצקי)

טאָג נאָך טאָג, פונקט אַ פערטל נאָך איינס קומט ער אַריין אין קאַפע־הויז. ער איז אַ דיכטער. ער גייט פּאַמעלעך, זיינע טריט זיינען געציילטע, געמאָסטענע. אַלע טאָג בייט ער איבער זיין קאָלירט אויבער־רעקל. זיין קראַוואַט, וואָס בלישטשעט מיט אַלע מינים פאַרבן, זעט אויס ווי זי וואָלט אַרויסגעשמייכלט פון זיין פאַרדאַרטן און פאַרשקוואַרטן האַלדז. זיין פּנים בלאַס, זיינע באַקן איינגעפאַלן און זיין דינע נאָז ווי זי וואָלט געשמעקט אַלץ וואָס אַרום אים. ער זעצט זיך אַוועק לעבן איינעם פון די פאַרנטיקע טישלעך און ניט אין קיין ווינקל. זיין אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקס באַהאַלט זיך הינטער זיין סופּעריאָריטעט־קאָמפּלעקס; זיינע וואַסערדיקע, אַ ביסל בלוילעכע אויגן זוכן פריינט; קיינער איז נאָך נישט געקומען; ער נעמט־אַרויס פון זיין שיינענדיקן פאָרטפעל פאַרשיידענע בויגנס פּאַפּיר — זיינע לידער. פון צייט צו צייט שלעפּט ער אַרויס פון זיין וועסטל־קעשענע דעם זייגער, וואָס איז אָנגעקניפּט מיט אַ קייט איבער דער גאַנצער ברייט פון זיין וועסטל, קוקט אויפן זייגער און קערט אים צוריק אום אויף זיין אָרט. ער באַשטעלט אַ טעפּעלע קאַווע, דווקא שוואַרצע מיט עפּעס אַ קיכל. בשעתן טרינקען הויבט ער אָן אַרויסשלעפּן פון דער הינטערשטער רעקל־קעשענע פּאַונטען־פּענעס, איין פּענע נאָך דער אַנדערער, דינע און גראָבע פּענעס. אויפן שפּיץ פון יעדער פּענע איז דאָ אַ קליין זייגערל. און ער גלעט דאָס זייגערל מיט ליבשאַפט אַזוי־ווי אַ מאַמע גלעט ס'קעפּעלע פון איר קינד, ווי אַ פאַרליבטער דעם קאָפּ פון זיין געליבטע.

אַט זעצט זיך אַוועק איינער פון זיינע באַקאַנטע לעבן אים. ער הויבט־אָן שמועסן מיט זיין הייזעריקן קול, צעהוסט זיך פון מינוט צו מינוט. וועגן וואָס רעדט ער? וועגן זיינע לידער וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט מיט אַ סך יאָרן צוריק, וועגן זיין בוך לידער וואָס ער וועט אינגיכן אָפּדרוקן, וועגן מאַנגל אין געלט. און פאַרוואָס? ער איז דאָך אַ גוטער דיכטער, אַן איין־און־איינציקער; די אַנדערע דיכטער, וואָס פאַרעפנטלעכן זייערע לידער אין די צייטונגען זיינען דאָך ווי גאָרנישט שבגאָרנישט קעגן אים; און זיי אַלע שרייבן דאָך געקינצלטע לידער, לידער וואָס קומען נישט אַרויס פון האַרצן; זיי שפּילן זיך אין גראַמען און מער נישט, זיי שטעלן־אָן אַ טרויעריק פּנים ווען אין דער אמתן איז נישטאָ קיין ברעקל אמת אין זייער דאָזיקן טרויער.

און ער? ער שרייבט דאָך אַזוי פּשוט! ניט נאָר איז ער אַ משורר, ער איז אַ פילאָזאָף, אַ פאָרשער פון אידייען, איז דען נאָך דאָ אַזעלכער ווי ער אין דער נייער פּאָעזיע?

ארץ־ישראל? אַמעריקע? זיי זיינען ביידע גלייך ביי אים ליב, אָבער כאָטש אַזוי וואָלט ער געוואָלט, אַז זיינע לידער זאָלן איבערגעזעצט ווערן אויף העברייאיש.

אויב זיין מיט־שמועסער לאָזט הערן אַ וואָרט וואָס ס'איז אין אים דאָ עפּעס פון ניבול־פּה, ציטערט ער אויף, ער קען נישט פאַרטראָגן אַזעלכע רייד. ער איז דאָך אַזוי זויבער און ריין פון יעדער מחשבה זרה!

ער האָט ליב פאַרצולייענען זיינע לידער פאַר יעדן איינעם וואָס קומט־צו צו זיין טיש. ער קען זיי אויסנווייניק: גראַמען, פאָלקסטימלעכקייט, געדאַנקען, בליצן און קלוגע וואָרט־שפּילן.

אַמאָל גייט ער צו און נעמט זיך אַ טעפּעלע קאַווע, און ער רעדט ווייטער, און בשעת־מעשה נעמט ער ווידער אַרויס זיינע פּענעס־זייגערלעך און שפּילט זיך מיט זיי, לייגט זיי צוריק אַריין אין קעשענע און קערט זיך אויפּסניי אום צו זיין טעפּעלע קאַווע און צו זיין שמועס.

ס'איז שוין אַוועק אַ שעה צייט; ער הויבט זיך פלוצים אויף, כאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, נעמט זיין מאַנטל, באַצאָלט דעם קאַסירער און גייט־אַרויס. אַ סעקונדע שטייט ער לעבן דער סטאַנציע פון דער אונטער־באַן (סאָבוועי) וואָס אין ווינקל; דערנאָך גיט ער אויף גיך אַ זאָג: „האָט מיר אַ גוטן טאָג!" לויפט־אַראָפּ די שטיגן, וואוהין? צו דער רעדאַקציע, אין דער דרוקעריי, אין...

וואוהין? ווער ווייסט? איין זאַך איז קלאָר: ער גייט־אַראָפּ צו דער אונטער־באַן און מיט אים גייען־אַראָפּ זיינע יסורים, זיינע בענקשאַפטן, גאַרונגען נאָך עפּעס... נאָך עמיצן... ווער ווייסט? דער גערויש און געקלאַפּ פון די רעדער הערן זיך אין דער אונטער־באַן. וועט אָט־דער גערויש זיין בכוח איינצושטילן זיין צעפּייניקט און פאַרבענקט האַרץ? ניין! די יסורים און די בענקשאַפט וועלן זיך דרייען מיט די רעדער פון דער באַן, וועלן לויפן פון סטאַנציע צו סטאַנציע ביז זיי וועלן אָנקומען צו דער לעצטער סטאַנציע. וואו איז די לעצטע סטאַנציע?

ש. דאַמניץ

# מזמר לדוד

געווידמעט קאָלעגע דוד קריוויצקי, צו דער דערשיינונג פון זיין נייעם בוך: „פון באַגין ביז פאַרנאַכט"

מזמור לדוד.
זינגט אונזער דוד:
לידער פון פרילינג און פרייד,
לידער פון פּראַצע און נויט.
לידער פון ליבע און גליק,
פון אויגן מיט כישוף אין בליק.
פון פריידיקע יאָרן,
געווען און פאַרלוירן.
מיראַזשן, חלומות,
צעריסענע שמ"עס,
אילוזיעס צערונען,
דאָך נייע געפונען.

מזמור לדוד.
זינגט אונזער דוד:
זיין קרויז־קאָפּ שוין גרוי,
נאָר פּערז — פרישער טוי.
ס'וואָרט שטיל געלאַסן,
באַהויכט אָפט מיט שפּאַסן.
אָפט ציטערט זיין סטרונע
מיט ספקות, אמונה,
אָפט וויינט אין דער שטיל
זיין דיכטער געפיל.
אַמאָל ווערט ער מוטיק,
פייערלעך גלוטיק,
דאַן הערט זיך זיין רוף:
ניט וויינען אַצינד!
נאָר גיין ביזן סוף
קעגן דעם ווינט!
קעגן רשעות, געוויטער,
מיט הייליקן ציטער,
ווענד ווייטער דיין בליק
און גיי ניט צוריק!
דער וועג איז נאָך ווייט,
דאָך קומען מוז צייט
ווען פעלקער ווי ברידער
דערקענען זיך ווידער.
אַזוי שמידט זיין ליד
דער דיכטער מיט פלאַם,
מיט ריטם און גראַם
פון לעבן ניט מיד.
דוד. דער דיכטער און איד!

דר. יצחק שווארצבארט

# אין לאַנד פון אונזער גרויסקייט און קיום

אין אידישע צייטונגען און זשורנאַלן אין גאָר דער וועלט, ווערן טאָג־אויס, טאָג־איין פאַרעפנטלעכט פיינע רעפּאָרטאַזשן איבער די פאַרשיידנסטע דערשיינונגען פונם לעבן אין מדינת־ישראל. געניטע זשורנאַליסטן, פּאָעטן און וויסנשאַפטלער באַרייכערן די תפוצות מיט בילדער פון מדינת־ישראל. דאָס זיינען אָפט בילדער פון דעם וואָס געשעט אין מדינת־ישראל, און נישט זעלטן בילדער פון דעם וואָס די שרייבער אַליין זינגען אַריין פון זייער אייגענער נשמה אין דעם לעבן פון מדינת־ישראל. דער באַרימטער ענגלישער דיכטער אָסקאַר ווײַלד האָט אַמאָל געזאָגט אַ פּאַראַדאָקס, אַז די נאַטור איז אַן אימיטאַציע פון דער קונסט. אפשר איז דאָס אויך חל אויף רעפּאָרטאַזשן. דאָס בילד פונם לעבן איז אָפט אַ פּראָיעקט פונם שרייבערס נשמה, זיין דמיון אָדער וואונטש.

איך האָב מיך, ווי ווייט אַ מענטש קאָן עס בכלל דערגרייכן, געווערט קעגן אַן איינזייטיקן איינפלוס פון יעדן פון די צוויי מעטאָדן צו פאָרמירן א סינטעז פון די געשעענישן אין דרויסן, מיט דער דינאַמישער געפילס־וועלט, וואָס שטראַלט אויס פון דעם באַטראַכטער צו דער וועלט פון דרויסן. צוםביישפּיל, ווען איך האָב זיך צוגעהערט צו די סטאַטיסטישע באַריכטן, בעת דער זיצונג פון דעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָב איך מיך נישט אונטערגעוואָרפן איר מאַיעסטעט דער קעניגלעכער „זאַכלעכקייט". באַלד איז אין מיר אַנטשטאַנען אַזאַ בילד: אין 1987 האָט הערצל פאַרלאַנגט פונם אידישן פאָלק פינף מיליאָן פונט פאַר דער קאָלאָניאַל באַנק. ער האָט באַקומען אַ נישטיקן טייל פון דעם. די פאָלגן דערפון זיינען געווען שווערע. אין יאָר 1920 האָט חיים ווייצמאַן פאַרלאַנגט גלייכע פינף מיליאָן פונט פאַר דעם קרן־ הגאולה. ער האָט באַקומען אַ נישטיקן טייל. די פאָלגן זיינען ווידער געווען שווערע. און איצט הער איך מיך צו צו אַ בודזשעט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (אָן דעם בודזשעט פון מדינת־ישראל) פון הונדערטער טויזנטער מיליאָן פונט (אמת — ישראלדיקע) — און דער בודזשעט ווערט גענדעקט. נישט לייכט, אָבער ער ווערט פאָרט געדעקט. — פון אים וואַקסט און וואַקסט און בליט נישט נאָר אויף די פעלדער פון מדינת־ישראל, נאָר אויך אויף די פעלדער פון קולטור און גאולה.

האָב איך די דראַמאַטישע טענער פון דער „זאַכלעכקייט" אויפגענומען אין איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג און האָב געהאָפט אויף — נאָך בעסער. און פאַרקערט. ווען איך בין געזעסן אין דעם גרויסן, הערלעכן זאַל פון דער „טשוירטשיל־אוידיטאָריע", אין דעם נייעם טעכניאָן אין חיפה, און זיך צוגעהערט צו אַ פאָרטראָג וועגן עלעקטריציטעט, און אינם זאַל זיינען געווען הונדערטער סטודענטן און סטודענטקעס, האָבן מיינע געדאַנקען פאַר מיר באַפליגלט דאָס בילד פון דער ווירקלעכקייט. דער בנין גופא, אַן אימפּאָזאַנטער און וואונדערבאַרער, האָט שטאַרק איבערגעשטיגן דאָס וואָס איך האָב דערוואַרט אויפן סמך פון אַ פאָטאָגראַפיע; די מאָנומענטאַלע בנינים, יעדער באַשטימט פאַר אַ באַזונדערן צווייג פון דער מאָדערנער, גיגאַנטישער דעראָבנדיקער טעכנישער וויסנשאַפט, וואָלטן געקענט באַשיינען באָסטאָן, לאָס אַנדזשעלעס און אפילו ניו יאָרק. די סטודענטן האָבן נאָך דער לעקציע, אַרויסגעשטראָמט פונם בנין אויפן וואַלדיקן וועג. דער צויבער פון דער געגנט, ביז ווייט צום מיטללענדישן ים, האָט נאָך פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק. באַלד זיינען די סטודענטן אויסגעוואָקסן אין מיין געדאַנק ווי פּאָטענציעלע אָפּענהיימערס און אפשר גאָר איינשטיינס. און פון דעם תהום פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט זיינען אַרויס די שאָטנס פון הונדערטער טויזנטער אומגעבראַכטע אידישע קינדער, וואָס ווער ווייס, וויפל עס זיינען צווישן זיי געווען חלוצים פון וויסנשאַפט.

איך האָב זיך געווערט קעגן דער נישט קאָנטראָלירטער פאַנטאַזיע. איך האָב זיך גערופן צו אָרדענונג. אָבער אין איין רגע איז פאר

מיר אויפגעשוואומען דאָס יאָר 1935. די שיף „פּאָלאָניאַ" דערנענטערט זיך פון קאָנסטאַנצאַ צו די ברעגעס פון חיפה, ארץ־ישראל. און ערגעץ־וואו אין מיטן — אַ קליינער בנין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איינזאַמער שלאָס, אין דער פוסטער אומגעבונג. דאָס איז געווען דאָס אַלטע טעכניקום. היינט זעט מען עס נישט. מען דערנענטערט זיך צו חיפה, מען דערזעט אַ שטאָלצע פּאַנאָראַמע פון בנינים פונם נייעם טעכניאָן, אויפגעבויט פונם אידישן פאָלק, באַזיגט די חורבות מיט אַ געזאַנג פון אַרבעט און קאַמף. „מיר זיינען ווידער דאָ", האָט עס געזונגען אין מיין נשמה.

איך האָב דעם דאָזיקן סינטעז, די דאָזיקע סימפאָניע פון ווירקלעכקייט און גלויבן אויך איבערגעלעבט אין ירושלים, אין דער נייער אוניווערסיטעט־שטאָט, אינם ירושלימער קאָרידאָר, און בפרט אין עדולם, אין אילת, אין תמנה, עכו, באר־שבע און תל־אביב.

אין מיטן חודש יאַנואַר, האָב איך און מיין פרוי, זיך געזעגנט מיט מדינת־ישראל, נאָך אַ באַזוך פון איבער דריי וואָכן. דאָס זיינען געווען דריי וואָכן פון שטאָלץ און פרייד. מיין פרוי האָט ארץ־ישראל געזען מיט 25 יאָר צוריק. זי האָט דערפאַר געהאַט די מעגלעכקייט צו זען דעם רעוואָלוציאָנערן אונטערשייד צווישן 1935 און 1960. איך האָב געזען ארץ־ישראל אין די יאָרן 1934 און 1935, און פינף מאָל, במשך פון די 12 יאָר פון מדינת־ישראל, אָנהויבנדיק אין 1948, בעת דער באַפרייאונגס־קריג. איך האָב דערפאַר געהאַט אַ גרונט און מעגלעכקייט צו מאַכן אַן עוואָלוציאָנערן פאַרגלייך פון די ענדערונגען במשך פון 25 יאָר. ביידע, מיין פרוי און איך, זיינען ממש געווען פאַרכישופט. מיין פרוי האָט געוואַנדערט איבער מדינת־ישראל אין אַ מצב פון התרוממות, איך אין אַ מצב פון אַן אַנאַליזירנדיקן שטאָלץ.

---

ב"ה

קול ששון וקול שמחה

קול חתן וקול כלה

הננו מתכבדים להזמין את ידידינו

לקחת חבל בשמחתינו כלילת צאצאינו היקרים

ה"ה הבחור החתן המופלג

מו"ה ש מ ו א ל ב"ר מנשה יוסף נ"י

עב"ג הבתולה הכלה המהוללה

מרת ש י נ ד ל י פ ה בת יצחק ז"ל

אשר נחוג אי"ה בשעה טובה ומוצלחת

אור ליום ג' תרומה, ה' אדר, תשכ"א לפ"ק

בשעה 7 בערב

ב ג אָ ל ד מ ע נ אָ ר

665 ווילאבי עווועניו, ברוקלין, נ. י.

הורי החתן: מנשה יוסף אלווייסס — אם הכלה: נעכע ליבמאַן

## אַ מעלדונג

עס זיינען געבליבן אַ צאָל ביכער פון יצחק ליבמאַן ז"ל.

„וואַריאַציעס" — (אַ דע־לוקס אויסגאַבע)

„בויער און שאַפער פון מיין דור" — צוויי בענדער

„אין געזאַנג צום פאָלק"

„אין ליכט פון צייט"

איר קאָנט זיי איצט באַקומען בחצי חנם, אָדער ממש בחינם. ווענדעט זיך גלייך צו דער רעדאַקציע. מיר וועלן זיך באַמיען צו דערפילן יעדן פאַרלאַנג. זאָלן יצחקס ביכער בלייבן אַן אָנדענק ביי אַלע זיינע לאַנג־יעריקע חברים, פאַרעהרער און פריינט.

עס זיינען אויך געבליבן נאָך יאָרגאַנגען פון דעם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" פאַר די לעצטע 26 יאָר. מיר וועלן זיי אייך גערן צושיקן בחינם אויב איר וועט אונז גלייך לאָזן וויסן, וכל הקודם זוכה.

די פאַרוואַלטונג

י. אַדלער

# פיר לידער

## 1. איז דען אַ חידוש?

איז דען אַ חידוש
וואָס איך בין אַזוי הייס
פאַרליבט אין אידיש?
אַז אין דעם שטעטל
וואָס איז שוין מער נישטאָ,
פונוואַנען איך קום,
האָט אַ יעדער בלום
געבליט ווי דער אידיש.
און יעדער בלום און בוים
געטרוימט זייער טרוים
אויף אידיש.
און יעדער איד האָט גערעדט
אידיש,
און געזונגען אידיש.
אויך די פייגל האָבן געזונגען
אידיש.
און די ווינטעלעך האָבן גערוישט
אין אידיש.
און די טייכן געפּרעפּלט אין אידיש,
און די שטערן אין הימל
האָבן געזונגען אידיש.
נו? איז דען אַ חידוש
וואָס איך בין אַזוי שטאַרק
פאַרליבט אין אידיש?

## 2. חבר מיינער

חבר מיינער!
דו האָסט, זאָגסטו מיר, שלעכטע
חלומות
און דיין שלאָף ווערט צעריסן
און דיין צער איז גרויס
און דיין טרויער איז נאָך
גרעסער ווי גרויס?
טאָ הער מיך אויס:
קום אַריין צו מיר
און איך וועל אָפּמאַכן מיט
דיר אַ שריפט, אַ פּאַפּיר:
איך זאָל חלומען פאַר דיר.
מיך אַרט נישט קיין שלעכטער
חלום,
מיין שלאָף ווערט,
צוליב אַ שלעכטן חלום
נישט געשטערט.
וועל איך חלומען פאַר דיר
און דו וועסט קענען רואיק
שלאָפן.
קום און מיר וועלן אָפּמאַכן
דאָס געשעפט...
איך וועל עס דיר מאַכן
זייער ביליק.
מיר וועלן צום רב נישט דאַרפן —
קיין לעבן דערפון מאַך איך
נישט.
פון שלעכטע חלומות קען מען
נישט ווערן אַ מיליאָנער.
איך וויל דיר בלויז טאָן
אַ טובה, נישט מער.
טאָ קום און לאָמיר זיך
דורכרעדן וועגן דיין צעשטערטן
שלאָף
און צו דיינע צרות וועט נעמען
אַ סוף.
טאָ קום צו מיר און מיר וועלן
אויסשטעלן אַ פּאַפּיר...
וועט עס גיין איז דאָך אוודאי
גוט,
טאָמער וועט עס נישט גיין
וועל איך דיך באַפרייען
און דעם שריפט נישט
באַנייען...

## 3. וויינט אַ וואַלד

וויינט אַ וואַלד:
„ווען עס קומט דער ווינטער אָן
מיט זיין קאַלטע ווייסע
פאָן.
קומען באַלד
צו מיר אין וואַלד
בייזע ווינטן און זיי רייסן
אַלע קליידער אָפּ פון מיר.
לאָזן נישט אויף מיר
קיין בלאַט.
בלייב איך הויל און נאַקעט
שטיין
ווי ס׳האָט די מאַמע מיך
געהאַט.
כ׳שעם זיך פּשוט פאַר
דער וועלט.
און ס׳לאָזט מיך גאָט אַזוי אַ
שטיין אויפן זעלבן אַלטן
אָרט
און כ׳טאָר נישט זאָגן אים
אַ וואָרט!..״

## 4. וויי און וויסט...

דאָ, אין קבר ליגט אַ הומאָריסט
וואָס דאָס לעבן זיינס געוועזן איז
חושך און וויסט.
וואָס ביי אים האָט תמיד
אַרומגעזשומעט דער טרויער.
אויסגעגאַנגען איז ער ווי
אַ יאָרצייט־ליכט...
ווען ער האָט זיינע חכמות
געלייענט
און געלאַכט.
האָט ער, דער ווילדער, געוויינט
און געטראַכט:
וויי און וויסט איז צו דעם
הומאָריסט,
ווען ער דאַרף פאַרן ביסן ברויט
מאַכן
לאַכן אַ וועלט
און ער אַליין זאָל צעגיין
פון געוויין...

---

## אין אַ מזלדיקער שעה

פון טיפן האַרצן באַגריסן מיר אונזער ליבע און טייערע שיינדל צו איר חתונה אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה מיט איר באַשערטן שמואל אַלוואַיס. זאָל אייער וועג צוזאַמען זיין באַזייט מיט ליבע, אושר, און כל־טוב.

די מאַמע מיט די קינדער — אין ניו־יאָרק
אהרן, הערשל, שאַיקע און שילא ליבמאַן.

---

ברכה מקרב לב שלוחה לכם מישראל ליום כלולותיכם
יפה־שיינדל ושמואל
**תהא דרככם בחיים סוגה בשושנים**
אשר־ראובן וחנה ליבמאן ובננו דניאל
פעסי־חנה וצבי כ״ץ ובתנו יסכה

---

## ליבע שיינדל און שמואל!

**זאָלן אונזערע גליק־וואונטשן באַגלייטן איך צו דער חופּה און זאָלן אונזערע האַרציקע ברכות מיטגיין מיט איך אויף אייער נייעם וועג צוזאַמען, פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָר.**

**איי׳ערע מומעס און פעטערס אומעטום מיט אונזערע משפחות:**

מרים און איזי שולמאַן — סטעמפאָרד, קאָנ.
סיידי און אייבי רובינסאָן — העקנסעק, ניו־דזשוירזי
שולמית און אלימלך הערשקאָוויץ — ברוקלין, ניו־יאָרק
רחל און בען שטיינבערג — ברוקלין, ניו־יאָרק
חנה און בען קריגער — דענווער, קאָלאָ.
עטל און אַרטור סטאָו — לאָס־אַנדזשעלעס, קאַל.

דוד איינהאָרן

# דאַרף מען איצט שאַפן אַ נייעם תנ״ך אין אידיש?

איך גיי זיך דאָ ניט אָננעמען פאַרן כבוד פון תנ״ך. אַ ווערק, וואָס איז נאָך קרוב דריי טויזנט יאָר אַלט אַ בעסט סעלער און ווערט יעדן יאָר פאַרקויפט אין מיליאָנען קאָפּיעס, ברויכט ניט מען זאָל פּאַרטיידיקן זיין כבוד. דאָ האַנדלט עס זיך וועגן דעם כבוד און ווירדע פון אונזער ליטעראַטור אויף אידיש.

אַ גרופּע אידישע שרייבער און אידישיסטישע קולטור טוער, וואָס זיינען פאַרזאָרגט פאַר זייער פּערזענלעכער אייביקייט, האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ „ספר הספרים״, אַ זאַמלונג פון ווערק אויף אידיש, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן אַ נייעם תנ״ך — אַ אידישיסטישן תנ״ך.

ווען עמיצער וואָלט דאָס געפּרואווט, וואָלט מען אים באַטראַכט פאַר אַ משוגענעם, פּונקט ווי איינער זאָל נעמען לויפן איבער די גאַסן און שרייען אַז ער איז משה רבינו, אָדער ישעיה הנביא.

אָבער ביי אונז איז אַלץ מעגלעך.

צוערשט האָבן די דאָזיקע שרייבער געפּרואווט אַרויסגעבן אַ זאַמלונג פון י. ל. פּרצעס ווערק, אונטערן נאָמען „חמישה חומשי פּרץ״. ניט וועלנדיק באַגרייפן, אַז די צוויי ווערטער „חמישה חומשי״ באַצייכענען אַ ווערק, וואָס איז פאַרהייליקט ביי הונדערטער מיליאָנען מענטשן.

ווען איר וועט זאָגן אַ אידן וואָס איז ניט קיין גראָבער עם הארץ, וועט ער צו די צוויי ווערטער „חמישה חומשי״ צולייגן דאָס וואָרט „תורה״. און דאָס הייסט, אַ פונדאַמענטאַל ווערק פון אַ רעליגיע, אַ געזעץ־בוך, וואָס הונדערטער מיליאָנען מענטשן האַלטן, אַז דאָס איז אינספּירירט פון גאָט אַליין.

אינטעליגענטע מענטשן, אפילו ווען זיי האַלטן ניט פון דער תורה, וועלן עס ניט באַנוצן פאַר אַ בוך פון אַן אַנדער אינהאַלט, ווי־סנדיק, אַז זיי וועלן זיך מאַכן לעכערלעך, אָדער מען וועט זיי האַלטן פאַר שווינדלער, וואָס ווילן אונטער אַ באַרימטער פירמע פאַרקויפן אַ פאַלשע סחורה.

דאָס הייסט באַליידיקן דעם נאָמען י. ל. פּרץ, ווייל י. ל. פּרץ וועט זיין פּערזענלעכקייט און זיין נאָמען ניט וועלן דעקן מיט משה רבינו.

די פינף חומשים זיינען ניט קיין ליטעראַטור, און מען קאָן עס ניט באַטראַכטן אַלס ליטעראַטור, ווייל עס איז, ערשטנס, די געשיכטע פון דעם געבורט פון אַ גרויסער רעליגיע, וואָס האָט באַווירקט שפּעטער דאָס דערשיינען פון צוויי אַנדערע וועלט־רעליגיעס — קריסטענטום און מאַכמעדאַנענטום. ביידע אַנערקענען משהן אַלס דעם ערשטן נביא, וואָס איז פון גאָט אינספּירירט געוואָרן און ביידע פאַררופן זיך אויף אים.

אָבער דאָס איז ווייניק, מאַנכע שרייבער האָבן זיך אָנגעהויבן באַנוצן מיט פראַזן, וועלכע זיינען ווי גאָלדענע מטבעות אויסגעגאָסן און דאָס הייסט אַ פעלשונג ווי מאַכן פאַלשע געלט.

ווען שלום אַש איז געשטאָרבן, האָט אַ שרייבער אָנגעהויבן זיין אַרטיקל מיט די ווערטער:

„ויהי אחרי מות שלום אַש״.

מיט די דריי ווערטער הויבט זיך אָן דער ספר „יהושע״.

„ויהי אחרי מות משה עבד ה׳״ („און עס איז געווען נאָכן טויט פון משה, גאָטס קנעכט״).

פאַרגלייכן שלום אַשן צו משה רבינו איז אַ פאַרשוועכונג ביי מיליאָנען מענטשן.

משה איז געווען דער גרינדער, דער נביא פון אַ וועלט־רעלייגע. און וואָס איז געווען שלום אַש?

איצט האָט מען אין די קרייזן פון מאַנכע אידישיסטישע שרייבער און קולטור־טוער ערנסט אָנגעהויבן טראַכטן צו שאַפן אַ זאַמלונג פון אידישע ווערק אַלס אַ נייעם תנ״ך.

לאָמיר געבן אַ קורצע דעפיניציע פון תנ״ך און די אידייען וואָס ער האָט אויסגערופן מיט דריי טויזנט יאָר צוריק אין אַ געצענדינערישער אוממאָראַלישער וועלט.

ערשטנס, די איינציקייט פון גאָט; צווייטנס, די איינציקייט פון דער גאַנצער מענטשהייט; דריטנס, די איינציקייט פון דער וועלט. דער תנ״ך האָט אויסגערופן די צען מאָראַלישע געבאָטן, וואָס אַ האַלבע מענטשהייט האָט אָנגענומען און איז ניט בכוח עס דורכצופירן ביז היינט.

דער תנ״ך האָט מיט קרוב דריי טויזנט יאָר צוריק אויסגערופן אין דער וועלט די אידייע פון אַן אייביקן פרידן, ווען אַלע פעלקער וועלן צעברעכן זייערע שווערדן און מאַכן פון זיי אַקעראייזנס, און פון די שפּיזן — סערפּען — און איין פאָלק וועט ניט אויפהויבן קעגן צווייטן קיין שווערד און ניט לערנען מער די קונסט פון קריג (ישעיה ב).

דער תנ״ך האָט דער ערשטער אויסגערופן, אַז אַלע מאָראַלישע געזעצן זיינען אייביק. און מען קאָן זיי ניט ענדערן ווי די אָרדענונג פון דער וועלט. און דעריבער איז ניטאָ קיין געשיכטע פון איין פאָלק; עס איז דאָ אַ געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַלע פעלקער זיינען אונטערגעוואָרפן איין געזעץ און איין שיקזאַל.

ווער עס ברעכט די אייביקע מאָראַלישע געזעצן מוז אומקומען. און דאָס האָט זיך באַשטעטיקט היסטאָריש.

דער תנ״ך איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אויסגערופן די דעמאָקראַטישע אידייען, אַז די מאַכט געהערט צום פאָלק, ווייל גאָט האָט דעם אַגרימענט, ברית, געמאַכט מיטן פאָלק און ניט מיט קיין שום קעניג, אָדער העלד, אָדער פירער. און אויב דער קעניג, אָדער פירער, ברעכט די מאָראַלישע געזעצן, מוז דאָס פאָלק אים אָראָפּוואַרפן און באַשטראָפן. אַניט איז דאָס פאָלק פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פאַרברעכנס פון איר רעגירונג און דאָס פאָלק ווערט באַשטראָפט.

דאָס אַלץ איז צום ערשטן מאָל אויסגערופן געוואָרן דורכן תנ״ך, דורך דער תורה, דורך די נביאים, און דורך די כתובים, און דאָס איז די סיבה, וואָס דער תנ״ך איז קרוב דריי טויזנט יאָר נאָך היינט אַקטועל און אַזוי באַטראַכט אים אַ האַלבע מענטשהייט.

זאָלן מיר די אידישיסטן, וואָס ווילן שאַפן אַ אידישיסטישן תנ״ך באַווייזן איין שרייבער, וואָס האָט צום ערשטן מאָל געגעבן דער וועלט ענלעכע אידייען וואָס זאָלן ווערט זיין צו באַקומען די אייביקייט?

קיין שום ליטעראַטור אין דער וועלט, די רייכסטע, האָט ניט געוואָגט צו פאַרגלייכן זיך מיטן תנ״ך, און צו וועלן שאַפן אַ נייעם תנ״ך.

אַלע ענגלישע ליטעראַטור היסטאָריקער האָבן געמאַכט אַ מנהג אָנצוהויבן די געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור מיט מוסטערן פון קינג דזשעימס׳ איבערזעצונג פון תנ״ך, ווייל זיי באַטראַכטן די איבערזעצונג ווי דעם אָנפאַנג פון דער ענגלישער ליטעראַרישער שפּראַך.

אָבער אַלע גיבן־צו, אַז די ציטאַטן פון תנ״ך איז ניט ליטעראַטור. עס איז העכער פון ליטעראַטור, אַ ווערק וואָס מיליאָנען מענטשן לייענען דאָס ווערק ווי אַ גאָטעסדינסט.

אַ ווערק וואָס האָט באַגרינדעט צוויי רעליגיעס — אַזאַ ווערק איז העכער פון ליטעראַטור.

דאָס זעלבע איז מיט דער דייטשער שפּראַך. די ליטעראַרישע

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט
(געגרינדעט אין 1934 פון יצחק ליבמאַן)
אומאָפּהענגיקער זשורנאַל פאַר קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע ענינים אין אַמעריקע
רעדאַקטאָר: מרדכי ירדני
אַרויסגעגעבן פון
„ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט אַסס׳ן״
41 יוניאָן סקווער, ניו־יאָרק טעל.: אַלגאָנקווין 5־6393

ש. טענענבוים

# די אידישע פירשטין

(סוף פונעם מאַי־נומער 1960)

(צום הייליקן אָנדענק פון אונזערע קדושים)

## דייטשער קריסטמעס־בוים

אין אָונט, ווען איך גיי פאַרביי זיין אָפענע טיר, רופט מיך דער דייטשער שכן אַריין אין זיין שטוב כדי איך זאָל זען מיט מיינע אידישע אויגן ווי שיין זיין קריסטמעס־בוים איז... מכלומרשט מאַכט ער זיך קליין און נאַאיוו פאַרן אוראַלטן איד...

עס איז שוין פאַר מיר שפעט זיך אָפּצוזאָגן פון זיין העפלעכער איינלאַדונג. איך גיי אומווילנדיק אַריין אין זיין וואוינונג, וואו זיין ווייב באַגעגנט מיך ווי אַ דייטשע מאַדאָנע אין גערמאַנישן אורוואַלד. יאָ, איך זע דעם אָנגעצונדענעם און דעם הערלעכן קריסטמעס־בוים. ער לויכט ווי מיט בלוטיקע שטערן.

— אוודאי, חשובער הער גערמאַנטשיק! עס איז זייער שיין און העל־און־העליש־לויכטנדיק אייער גילדענער קריסטמעס־בוים. ער איז נישט קיין איינציקער בוים. ער איז אַ גאַנצער רוישנדיקער וואַלד מיט גערמאַנישע נאַכטיגאַלן. אויף די שטעכעדיקע צווייגן פון אייער רייכן און ראַסקאָשנעם קריסטמעס־בוים הענגען זיי אַלע מיט געשוואָלענע קעפּ, מיינע טייערע ברידער, מיינע נאַקעטע שוועסטער. ווי שיין ער איז באמת באַלויכטן. ער פלאַמט מיטן בלוט פון מיינע קרובים און מיינע פאַרגאַזטע פריינט... איך דערקען זיי אַלע דאָ אין אייער פייערלעכער נאַכט פון גאָטס־געבורט. אין אייער זייער אידעלן קריסטמעס־בוים הענגען אונזערע קליינע און ליבע קינדער. די וואונדערלעכע קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. די טייערע אידישע קינדערלעך מיט זייער זידענעם און קלוגן פאָטער און ממש הייליקן יאַנוש קאָרטשאַק... זייער געהאנגענע קעפּלעך ווייגן אַרונטער פון אייער רייכן קריסטמעס־בוים. נישט קיין זילבערנע נעצן — נאָר דיקע שטעכעדיקע דראָטן ציען זיך צווישן די צווייגן. זיי זיינען באַלאַדן מיט עלעקטרישער קראַפט, כדי אַז אידישע הענט וואָס כאַפּן זיך פאַרצווייפלט אָן אין זיי, זאָלן פאַרשרפהט ווערן... אָ, הער נאָבעלער דייטש! אָ, מיין פריינטלעכער שכן! ווי דעקאָראַטיוו־שיין איז אייער קריסטמעס־בוים! עס הענגען אויף זיינע צווייגן מיינע שטומע פעטערס און מיינע מומעס. מיין פאָלקס בראָך איז אייער יום־טובדיקע אויסשטעלונג. צווישן די זיס־לויכטנדיקע לעמפלעך, מיט וועלכע אייערע האַנסעס און גרעטכען־קינדער פרייען זיך, זע איך די בלוטיקע וואונדן פון מיינע קליינע ברידער און צאַרטע שוועסטערלעך... איר האָט זיי אַלע דערשלאָגן, דערוואָרגן און דערשטיקט. איר האָט צעשמעטערט זייערע יונגע קעפּלעך מיט קיזל־שטיינער און מיט העק און נאַגייקעס. איך זע ווי אייער קריסטמעס־בוים איז אָנגעפילט מיט קרעכצן, מיט זיפצן און מיט געשרייען. איך הער די דערוואָרגענע קולות פון מיין פאָלק!

דער דייטשער קריסטמעס־בוים בליט און בליצט מיט אונזער פינצטערן פחד און מיט אונזער וויסטן שוידערניש. אייער קריסטמעס־בוים איז אונזער פאָגראָם, אונזער ווילדע שחיטה, אונזער אוישוויץ און בירקענאו און מאַידאַנעק! איך דאַנק אייך פאַרן ווייזן מיר אייער שיינעם און שטראַלנדיקן קריסטמעס־בוים! איר זענט ווירקלעך נאָבל און זייער העפלעך און אידל!... נאָר אַ דונער זאָל אַריין אין אייער וויסטן קריסטמעס־בוים און זאָל אייערע צווייגן צעברעכן ווי איר האָט צעבראָכן די הענטלעך און די פיסלעך פון אונזער מיליאָן אידישע קינדערלעך! איר זענט זייער פריינטלעך, באמת! נאָר אַ בליץ זאָל פאַרברענען אייער קריסטמעס־בוים צוזאַמען מיט אייער גאַנצער גערמאַנישער קולטור, מ'שטיינס געזאָגט!

ניו־יאָרק, מערץ 21, 1960

---

שפּראַך אין דייטשלאַנד הויבט זיך אָן פון מאַרטין לוטערס איבערזעצונג פון תנ"ך.

כמעט אין אַ ל ע אייראָפּעאישע שפּראַכן האָט זיך זייער ליטעראַרישע שפּראַך אָנגעהויבן פון אַן איבערזעצונג. קאָן די אידישע ליטעראַטור דאָס באַווייזן, בכדי צו האָבן די הזעה און די חוצפה אַריבערצובערענגען איבערן מויל אַז זיי גייען שאַפן אַ אידישן תנ"ך פון דער אידישער ליטעראַטור.

נאָך מער, אין אונזער פיל־שפּראַכיקער ליטעראַטור האָבן מיר געהאַט עפּאָכעס, וואָס זיינען געשטאַנען מיט הונדערט קעפּ העכער ווי אונדזער יונגע ליטעראַטור, ווי צום ביישפּיל, די שפּאַנישע גאָלדענע עפּאָכע. מיר האָבן ניט אין אידיש אַזעלכע פּאָעטן ווי יהודה הלוי, שלמה אבן גבירול, אבן עזרא — אַזעלכע פילאָזאָפן און דענקער. ווער פון זיי האָט געוואַגט צו פאַרגלייכן זיך מיט משה, ישעיה, ירמיה, עמוס, דעם תהלים, איוב, שיר השירים?

אויסער דעם, ווייזט מיר אָן איין אידישן שרייבער, וואָס זאָל האָבן דעם מוט, ווי אליהו הנביא, צו קומען צום קעניג אחאָב, וואָס האָט פאַרמשפּט אַ מענטשן צום טויט בכדי צוצונעמען זיין גאָרטן וואָס האָט זיך געגרענעצט מיטן קעניגלעכן גאָרטן, און וואַרפן דעם קעניג אין פּנים: „הרצחת וגם ירשת?" — דו האָסט געמאָרדעט און אויך געירשנט?!

אָדער נתן הנביא, וואָס האָט דעם מעכטיקן דוד המלך — וואָס האָט צוגענומען ביי אוריהן זיין ווייב בת־שבע — דערציילט פון אַ רייכן ברודער וואָס האָט געהאַט סטאַדעס מיט שעפּסן און רינדער, און זיין אָרימער ברודער האָט געהאַט ניט מער ווי איין שעפּסעלע, האָט דער רייכער ברודער צוגענומען דאָס שעפּסעלע ביי דעם אָרימען ברודער און געשאָכטן פאַר זיינעם אַ גאַסט.

ווער פון די אידישע שרייבער האָט געוואַגט, ווי ירמיה הנביא, זיך קעגנצושטעלן דעם קעניג, די פאַלשע נביאים און דעם גאַנצן פאָלק וואָס האָט אים געדראָט מיט טויט?!

אָ, ניין!

ווען דער מערדער סטאַלין איז געווען ביי דער מאַכט, וויפל אידישע שרייבער האָבן זיך פאַר דעם געץ געבוקט אפילו דאָן, ווען זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, און די וואָס האָבן געלעבט אין אַמעריקע?

ווער פון זיי האָט אין אַמעריקע אָדער אַנדערשוואו געוואָגט אַריבערצושרייען פון א ו י ס ל אַ נ ד: "הרצחת וגם ירשת?!"

איך קאָן שרייבער וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זייער אונטערשריפט אויף אַ פּראָטעסט קעגן דעם ערליך־אַלטער מאָרד. זיי ווילן עס אַריינגיין אין דעם אידישן תנ"ך בכדי צו געווינען די אייביקייט און שטיין ווי אַ מאָראַלישער מוסטער קרוב דריי טויזנט יאָר פאַר אַ האַלבער מענטשהייט?

די אידישע ליטעראַטור האָט זיכער איר פּלאַץ אין דער פיל־שפּראַכיקער ליטעראַטור פון אונזער פאָלק, אַ באַשיידענעם פּלאַץ, ווייל זי איז צו־שפּעט געבוירן געוואָרן אָבער גיין פאַרגלייכן זי מיטן תנ"ך — דאָס איז אַ באַליידיקונג פאַר דער אידישער ליטעראַטור. אפילו אַ ליטעראַטור, ניט נאָר אַ שרייבער, דאַרף וויסן איר פּלאַץ אין דער געשיכטע.

**NEW YORKER WOCHENBLAT**

(Founded 1934 by *Isaac Liebman*)

*A Literary Yiddish Magazine*

MORDECAI YARDEINI, *EDITOR*

Published Monthly by

NEW YORKER WOCHENBLAT ASS'N

LIEBMAN FAMILY, MANAGEMENT

*Editorial, Business and Executive Offices ....*

41 UNION SQUARE, NEW YORK 3, N. Y.

TELEPHONE: ALgonquin 5-6393

Yearly Subscription $7.50 Canada $7.50 Foreign $8.00

Reentered as second class matter November 13, 1953, at the Post Office of New York, N.Y., under the Act of March 3, 1879

לואי מאַרקאָוויטש

# מיין פריינט מאָריס שוואַרץ ע״ה

עס איז שוין אַזויפיל געשריבן געוואָרן וועגן דעם פאַרלוסט פון דעם גרויסן שוישפּילער און רעזשיסער מאָריס שוואַרץ, און עס וועט נאָך מסתמא זייער פיל געשריבן ווערן. ווייל וואָס לענגער עס גייט אַוועק די צייט פון זיין פּלוצעמדיק אומדערוואַרטעטן טויט, אַלץ גרעסער זעט זיך אָן דער חלל פון אונזער אידישער טעאַטער־וועלט אין אַמעריקע און איבער דער גאַנצער אידישער וועלט.

ערשט איצט זעט מען איין אַז טראָץ די אַלע טענות און מענות וואָס מען האָט געהאַט צו אים ווען ער האָט געלעבט און געשאַפן זיינע פּראַכטפולע אויפפירונגען פון די גרעסטע אידישע און וועלט־קינסטלער, קאָן מען ערשט איצט אָפּשאַצן זיין אומדערמידלעכע ענערגיע און ליבשאַפט פאַר אַ בעסערן אידישן טעאַטער.

אָבער עס איז מערקווירדיק אַז טראָץ זיינע כסדרדיקע אָנשטרענגונגען און שווערע פיזישע און גייסטיקע אַרבעט, האָט דער גרויסער קינסטלער געהאַט צייט אָנצוהאַלטן אַ פיינעם חוש פאַר הומאָר און ביי יעדער געלעגנהייט צווישן פריינט און שוישפּילער אַרויסזאָגן אָפטע אמת־סאַטירישע ווערטלעך און באַמערקונגען מיט וועלכע ער האָט זיך קונה־שם געווען ביי זיינע מיטשפּילער און נאָענטע פריינט.

אָפטמאָל אין די אָנגעשטרענגטע מינוטן ביי אַ רעפּעטיציע אָדער ביים פאַרלייענען אַ דראַמע, פלעגט ער עפּעס באַמערקן ביי איינעם אָדער איינער פון דער טרופּע וועלכעס האָט אים אויסגעוויזן אַלס אַ דיסאָנאַנץ, האָט ער גלייך אויף אַ גוטמוטיקן אופן זיך דערמאָנט אין אַ קאָמישן עפּיזאָד, און מיט אַן ערנסטער מינע אַרויסגעזאָגט אַ זייטיקע באַמערקונג, אַז אַלע האָבן אַרויסגעשאָסן מיט אַ האַרציקן געלעכטער, און דאָס ערנסטקייט איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן.

דער שרייבער פון די דעראינערונגען איז געווען באַפריינדעט מיט מאָריס שוואַרצן, זינט דער גרינדונג פון זיין „קונסט טעאַטער״ אין אוירווינג פּלעיס טעאַטער און שפּעטער אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען. דער אמת איז אַז ער פלעגט מיך רופן גלייך ווי ער האָט גענומען אַ טעאַטער, און מיר זאָגן אַז איך בין דער ערשטער וועמען ער האָט אַראַנזשירט פאַרן סעזאָן. דאָס איז געווען אַ באַמערקונג צו זיין אינגערן ברודער, מאַרטין, וועלכער איז געווען אַ געשעפטס־פאַרוואַלטער גלייך צו באַשטעלן די אַפישען, צירקולאַרן, פּראָגראַמען אין טעאַטער דרוק־אַרבעט נאָר ביי מיר.

און אַזוי פלעגט עס זיין יעדן נייעם סעזאָן. באַלד ביים אָנהויב האָט ער מיך גערופן און טעלעפאָניש מיר אָנגעזאָגט אַז איך בין ווייטער אַנגאַזשירט ביי אים פאַרן נייעם סעזאָן.

און דער אמת מוז געזאָגט ווערן אַז נישט אַלע סעזאָנען זיינען אין די ערשטע יאָרן געווען דערפאָלגרייך פינאַנציעל, און מען האָט מיך געוואָרנט אַז איך וועל פאַרלירן ביי שוואַרצן — און עס איז געווען צייטן ווען אַ סעזאָן האָט זיך געענדיקט מיט אַ דעפיציט לגבי מיר — אָבער ביים אָנהויב פון נייעם סעזאָן ביי מיין נייער „אַנגאַזשמע״, האָט ער צוגערופן זיין ליבע פרוי אַנאַ, אויסגערעכנט וויפל עס קומט מיר, און איר געהייסן, אַז יעדע וואָך דאַרף איך קריגן באַצאָלט פאַר דער נייער אַרבעט און אַזוי פיל אויפן אַלטן חוב — און כך הוה. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביזן סאָמע סוף. מיינע שותפים האָבן געוואוסט אַז ווען און וויפל שוואַרץ באַשטעלט — וועט באַצאָלט ווערן.

ווען מיר פלעגן זיך טרעפן ביי אַ באַנקעט אָדער אַן אַקטיאָרסקע שמחה, פלעגט ער זיך שוין באַרימען פאַר מיר אַז ער האָט אַלץ באַצאָלט.

איך האָב נאָך זיין טויט געפונען אין מיין טיש־קאַסטן אַ פּאָר בריוולעך זיינע, וועלכע ער פלעגט מיר פון צייט צו צייט שיקן פון אונטערוועגנס, וועלכע וועלן ווייזן וואָס איך מיין ווען איך זאָג אַז זיין חוש פאַר הומאָר האָט אים אַ סך געהאָלפן, אָנצוהאַלטן זיין קינסטלערישן גלייכגעוויכט.

אין 1943 איז מאָריס שוואַרץ אָנגעגריפן געוואָרן פון אַ שטאַרקע אַטאַקע פון בראָנקיטיס, און ער איז געלעגן אין שפּיטאָל פאַר גאַנצע צען טעג. מיר האָבן באַשטעלט ביים טעאַטראַלישן בלומען־הענדלער, פרעד ספּיטץ, אים צוצושיקן אַ בוקעט בלומען פון אונדז אין שפּיטאָל אַריין — מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָבן מיר דערהאַלטן דאָס פאָלגנדיקע בריוול פון לעיקוואוד:

„טייערע פריינט מאַרקאָוויטש און פליישער:

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר די בלומען. איך בין נישט קיין פריימאַדאָנע וועלכע צערטלט זיך אין בלומען — אָבער גראָד איצט זיינען זיי געקומען אין דער ריכטיקער צייט — ווייל זיי האָבן מיט זיך געבראַכט די ליבע און פריינטשאַפט פון אמתע גוטע פריינט.

זייט דערפאַר ביידע געזונט מיט אייערע פאַמיליעס, קינדער און קינדס־קינדער — און לאָמיר שפּילן טעאַטער — מאַכן פּרינטינג, באַצאָלן די ׳בילס׳ און בלייבן גוטע פריינט.

אייער, מאָריס שוואַרץ״.

נאָך אַ פאַל פון זיין הומאָר איז באַשטאַנען אַז ווען ער פלעגט שיקן אַ טשעק פאַר אַ פּאָר הונדערט דאָלער האָט ער געשריבן אַז ער שיקט אַ פּאָר טויזנט — מחמת די געשעפטן זיינען אַזוי גלענצנדיק אַז יעדער דאָלער איז ביי אים, אַ צענערל — ווי עס ווייזט דער בריוו פון שיקאַגע אין 1950:

„ליבער פריינט מר. מאַרקאָוויטש:

איך שיק אייך אַ טויזנטער — וואָס מיינט ביי אייך בלויז אַ הונדערטער — זייט זיכער, אַז איך באַטראַכט אייך און פליישערן פאַר אמתע גוטע פריינט — האָט אַ גליקלעך און פריילעך יאָר.

אייער, מאָריס שוואַרץ״.

און אָט איז נאָך אַ בריוו מיט אַ חודש שפּעטער:

„ליבער פריינט מר. מאַרקאָוויטש:

איך שיק אייך דאָ נאָכאַמאָל 3000 טויזנט דאָלער — דאָס הייסט $300 און די איבעריקע $300 וועל איך אייך שיקן אַזוי גיך ווי איך וועל קאָנען. אונזער פריינטשאַפט איז תמיד געשטאַנען אויף אַ הויכן ניוואָ — און אַזוי וועט דאָס בלייבן פאַר יאָרן־לאַנג.

איר ווייסט וואָס פאַר אַ שווערן קאַמף איך האָב געפירט אין די 31 יאָר, אָבער מ׳דאַרף שטענדיק בלייבן דער ערלעכער פריינט אפילו ביי געשעפט.

גריסט אייערע צוויי שותפים און לאָמיר הערן גוטע בשורות איינע פון די אַנדערע.

אייער פריינט, מאָריס שוואַרץ״.

און אָט איז אַ בריוו אַזש פון האַליוואָאָד, ווען שוואַרץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין קאַליפאָרניע מיט זיין טרופּע, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם דעמאָלסטיקן און צאַפּלדיקן מענעדזשער עדווין א. רעלקין:

„ליבער פריינט מאַרקאָוויטש:

מיינט נישט אַז מיר זיצן דאָ און פּרעגלען זיך אונטער דער זון און מיר האָבן אָן אייך פאַרגעסן.

איך זיץ דאָ צוליב מיין פרוי, וועלכע פילט דאָ בעסער אויף אירע „סיינעס״ צושטאַנד.

ווי איר ווייסט איז די נסיעה געווען קאַטאַסטראָפאַל — ווי אַ דאָן קיכאָט האָט זיך געלאָזט פירן פון סאַנטשע פּאַנטשען — און פאַרלוירן אַ פאַרמעגן — באַגראָבן אין דער בלאָטע — — — אָבער מיט אייך האָט דאָס נישט צו טאָן — זייט זיכער אַז וואָס ס׳קומט אייך וועט מיט כבוד באַצאָלט ווערן.

איך גלויב אַז איך וועל זיין אין אַ צען טעג אַרום אין ניו־יאָרק, וועלן מיר זיך זען און אַלץ אַראַנזשירן. מיר האַנדלען שוין 31 יאָר צוזאַמען און איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיין גרעסטער נחת איז צו באַצאָלן חובות — און איך צאָל און וועל אַלעמען באַצאָלן — זייט רואיק. מיין פרוי גריסט אייך מיט אייערע שותפים זייער האַרציק״.

(דאָ פאַרגעסט ער פון זיין קאָלאָסאַלער קאַטאַסטראָפע, און וויצלט זיך אויף רעלקינס חשבון — בזה הלשון):

„רעלקין ברענט דאָ אַ וועלט — אַלע פילם־סטאַרס און סטאַרעכעס ווילן געמענעדזשט ווערן פון אים אין באָסטאָן אָפּערע הויז, באַלטימאָר טעאַטער און אויך אין סאַן־פראַנציסקאָ. די ווייבער פאַלן פאַר אים ווי שטרוי, — מ׳וויל אים אויסכאַפּן אין די מואוויס צו

דר. יעקב ב. גלען

# געשפּילט אַ ליבע

(פון דער סעריע: סצענעס און בילדער פון שפּיטאָל־לעבן)

צום ערשטן מאָל אַז אַנדרעי האָט זי דערזען ביי אַ פאָרשטעלונג, האָט ער דערשפּירט ווי זיין האַרץ וואָלט זיך אָפּגעשטעלט; זיין אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט. איר עקזאָטישער פנים האָט אים פאַרכישופט. זי איז געווען אַ כינעזערין. די טיפּיש־הויכע באַק־ביינער, די מאַנדל־געפאָרמטע אויגן, די פעך־שוואַרצע האָר האָט געוויזן איר אָפּשטאַם. אָבער דאָס אָנציענדיק שמייכל, די גרויסע ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע בלישטשענדיקע אויגן, דאָס פיין־געשניצט מיילעכל, סענסועל און מאַנענדיק, זיינען געווען ניט געוויינלעך פאַר אַ כינעזערין. אַנדרעי האָט געזען איר גראַציעזן קערפּער דורך דעם דין זומער קליידל. פון איר פולן בוזעם, דינע טאַליע און שלאַנקע שטייפע פיס האָט זיך געטראָגן דער צויבער און קראַפט פון אַ פרוי פול מיט באַגער און צוזאָגנדיקן קערפּערלעכן געניס.

אַנדרעי איז געוואָרן אויסער זיך פאַר פרייד ווען ער האָט געזען אַז זי איז געקומען אין טעאַטער ניט באַגלייט. זי איז געזעסן עטלעכע פלעצער ווייט פון אים. בעתן אַנטראַקט האָט ער זי באַגריסט און זי האָט עס פריינטלעך אָפּגעענטפערט. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער זי באַגלייט צו אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן.

איר נאָמען איז געווען קיי־פו לין, אַ געבוירענע אין האָנג־קאָנג. איר פאָטער, אַ רייכער אימפּאָרטירער־עקספּאָרטירער, איז מיט אייניקע יאָר צוריק געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע און איר מאַמע, אַ שוואַכע קרענקלעכע פרוי האָט אויך ניט לאַנג געלעבט נאָך איר פאָטערס טויט. קיי־פו האָט פאַרלאָזן האָנג־קאָנג און איז געקומען וואוינען אין סאַן־פראַנציסקאָ ביי איר מומען. זי איז געווען אַן אויסגעשטודירטע קראַנקן־שוועסטער. איצט אַרבעט זי ווי אַ נורס אין אַ גרויסן שפּיטאָל אין ניו־יאָרק.

קיי־פו איז געווען פיר און צוואַנציק יאָר אַלט. אַ רייפע פרוכט פול מיט זאַפט און לעבן, אָבער דערוויל האָט נאָך קיינער נישט געהאַט די זכיה זי אָנצורירן.

אַנדרעי האָט, פאַרשטייט זיך, זי ניט אָפּגעלאָזן פון זיך אַ גאַנצן אָוונט, און ווען זי האָט אים דערלויבט צו באַגלייטן זי אַהיים איז צו זיין שמחה ניט געווען קיין גרענעץ. ביים געזעגענען זיך האָט זי אים אָבער ניט געלאָזן ער זאָל זי אַרומנעמען אָדער קושן. אַנדרעי האָט אָבער דעמאָלט אינסטינקטיוו געפילט און געוואוסט אויף באַשטימט אַז קיי־פו וועט באַלד, באַלד אים אַליין געהערן...

צום באַדויערן אָבער איז אַנדרעיס שמחה ניט געווען אַ פולשטענדיקע. ער האָט געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קליינע קינדער. שוין אַכט יאָר ווי ער האָט געלעבט מיט אַ פרוי וואָס אַמאָל, אַמאָל האָט ער געליבט אָבער פאַר די לעצטע דריי־פיר יאָרן איז אים קלאָרער און קלאָרער געוואָרן דאָס זיין ווייב און ער זיינען אָפּגעפרעמדט געוואָרן איינער פון צווייטן און זייערע וועזנס זיינען געוואָרן ווייט־ווייט איינער פון אַנדערן, אַ מצב וואָס האָט געבראַכט אַן אומפאַרמיידלעכע אָפּקילונג צווישן זיי. עס איז געקומען צו אַ פונקט ווען אפילו דאָס שלאָפן צוזאַמען אין איין חדר איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. אַנדרעי האָט אָבער ליב געהאַט זיינע צוויי קינדערלעך אַזוי שטאַרק אַז ער האָט אפילו ניט געקענט קלערן וועגן גטן זיך מיט זיין פרוי.

אַזוי האָט זיך דאָס לעבן זיינס געשלעפּט. אַנדרעי איז געווען אַ כעמיקער און האָט געאַרבעט אין אַ גרויסער פאַבריק. אַ מאַן אין די ערשטע־דרייסיקער איז ער אָבער געוואָרן אומרואיקער און אומרואיקער. די פרויען אויף די גאַסן, אין די קינאָס און טעאַטער (וועלכע ער האָט באַזוכט אַליין) האָבן אים גערייצט, זיך אַריינצולאָזן אָבער מיט אַ ביליקער פרוי האָט ער ניט געוואָלט. עס האָט אים אָפּגעשטויסן.

איידער אַנדרעי איז איינגעשלאָפן האָט ער ווידער דורכגעלעבט אין זיין פאַנטאַזיע אַלע איינצלהייטן פון זיין באַקענען זיך מיט קיי־פו. ער האָט זי געזען אין זיינע פעסט־געבויטע אָרעמס, אַ ליידנשאַפטלעכע, אַ באַגערנדיקע, אַ נאָכגעבנדיקע. אַ לעבעדיקע איז קיי־פו געשטאַנען פאַר זיינע אויגן; אַ נאַקעטע אין פולן כישוף פון איר אָנציענדיקן פרויען־געשטאַלט... ער האָט ממש געפילט איר הייסן אָטעם אויף זיין ברוסט...

עס האָט שוין געטאָגט, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַן אומרואיקן דרעמל. אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט האָט אים באַהערשט.

אַנדרעי האָט קוים דערצויגן די דריי טעג ביז ער האָט ווידער געקענט זען קיי־פו. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער אויף איר געוואַרט ביי דער ביבליאָטעק, וואו זיי האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן. ווען ער האָט זי דערזען איז ער אַזוי האַסטיק צוגעלאָפן צו איר אַז זי האָט זיך אינסטינקטיוו אָפּגערוקט פון אים. באַלד האָט זיך, אָבער, באַוויזן אַ שמייכל אויף איר ליכטיקן פנים. זי האָט אים אפילו דערלויבט צו געבן איר אַ קוש אויף דער גאַס. קיי־פו איז געווען צוגעלאָזן. איר איז הפנים געפעלן געוואָרן דער שטאַרקער און פעסט־געבויטער מאַן מיט די טיף־איינגעגראָבענע טונקעלע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט אַזוי פיל בענקשאַפט, ליידנשאַפט און תאווה.

לאַנג האָט עס ניט גענומען און קיי־פו האָט שוין דערלויבט אַנדרעיען אַרויפצוקומען צו איר אין איר פשוטער, אָבער באַקוועמער דירה. איינמאָל, אין די שפּעטע אָוונט־שעהן פון אַן אָנהויב האַרבסט־נאַכט, ווען אַ קאַלטער רעגן האָט געקלאַפּט אויף די שויבן איז געשען דאָס אומפאַרמיידלעכע. שוויגנדיק זיינען אַנדרעי און קיי־פו געזעסן אויף דער סאָפע. זי האָט דאָס ליכט נישט אויפגעמאַכט... אין דער בלאַסקייט פון די גאַסן־ליכט וואָס האָט אַריינגעדרונגען דורך די פענצטער האָט אַנדרעי געזען קיי־פוס שטראַלענדיקע אויגן, און האַלב־צעעפנטן מויל. זי האָט זיך אַ שאַר־געטאָן נענטער צו אים. אַנדרעי האָט מיט אַמאָל דערפילט די אַלצפאַרכאַפּנדיקע וואַרעמקייט פון איר לייב. ער האָט זי אַרומגענומען און קרעפטיק זי געצויגן צו זיך. קיי־פו האָט זיך ניט געווערט. די סאַמע לופט אין צימער איז געווען געדיכט מיט לעבן און פאַרלאַנגען. אַנדרעיס הענט און שטאַרקע פיס האָבן איינגעוויקלט דעם שיינעם פרויען־קערפּער און באַלד זיינען זיי ביידע געווען אין אַ טיפער עקסטאַזע און לאַנגער זיסער־ווייטיקלעכער פאַרגעסלעכקייט... אַנדרעי האָט געפילט קיי־פוס ליידנשאַפטלעכן אָטעם אויף זיין ברוסט. דאָס מאָל איז עס גוט אין חלום... די לאַנגע פעך־שוואַרצע האָר פון דער מיידל איז געווען צעשפּרייט אויף זיין ברוסט. קיי־פו איז געוואָרן אַ געביטענע. זי האָט איבערגעחזרט עטלעכע מאָל ער זאָל זי תמיד הייס ליבן, ער זאָל זי נעמען, ער זאָל איר קיינמאָל ניט פאַרלאָזן. אַנדרעי איז געווען גערירט. ער האָט געגלעט אירע האָר, געצערטלט אירע שיינע פולע און שטייפע בריסט. מאָדנע, עס איז געווען אַזוי ווי ער וואָלט באַצאָלט געוואָרן פאַר די לאַנגע יאָרן פון ליידן, אַנטוישונג און ניט־געשטילטע פאַרלאַנגען...

אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זיי ביידן אַ גאַנצן האַרבסט און ווינטער. אַנדרעי האָט כמעט אַן אַלץ פאַרגעסן אויסער די אַרבעט אין פאַבריק. די איינציקע פערזאָן וואָס האָט עקזיסטירט פאַר אים איז געווען קיי־פו. ער האָט צו איר געדינט ווי צו אַ געטין, און צו איר איז אַנדרעי געווען דער ערשטער און דער לעצטער מאַן אויף דער ערד.

קוואַלן פון פייערדיקע ליידנשאַפטן האָבן זיך געעפנט ביי ביידן. אַ לעבן איינער אָן דעם צווייטן איז געוואָרן אוממעגלעך. קיי־פו האָט אָנגעהויבן צו מאָנען און פאַרלאַנגען אַז אַנדרעי זאָל זיך גטן מיט זיין ווייב און וואוינען מיט איר. אַנדרעי האָט דאָס בשום אופן ניט געקענט טאָן. זיין ווייב האָט עפּעס געאַנט, אָבער האָט זיך ווי ניט־וויסנדיק געמאַכט, ווי עס וואָלט איר ניט קימערן. אַנדרעי האָט אָנגעהויבן צו ליידן: זיין נשמה איז ווי צעריסן געווען אין צווייען. ער האָט בשום

---

שפּילן די ליבהאָבערס — וויל ער נישט — און אַז ער וויל נישט, וויל ער נישט — אפשר קאָנט איר אים בעטן צו ראַטעווען די מעטראָ גאָלדווין מאַיער קאָמפּאַני און מאַכן פאַר זיי אַ 'פיקטשעלע'.

זייט געזונט. מיט פריינטשאַפט, מאָריס שוואַרץ".

יאָ, עס איז שווער זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז מאָריס שוואַרץ, דער גרויסער אידישער טעאַטער־קינסטלער, איז מער נישטאָ. זיין פריינטשאַפט פעלט מיר שטאַרק אויס...

נ. שמן

# איובדיקער חשבון פון מענטש

(וועגן א. אלמיס „חשבון און סך־הכל“)

אין דעם סאַמע מיטן פון מענטשלעכע דאגות און עסקנות, בין איך פלוצלונג פאַר אַ צייט אַוועק און פאַרכאַפּט געוואָרן פונם חשבון, וואָס איז אייגנטלעך, חשבונות בלשון רבים, און סך־הכל וואָס עס גיט אונז דער באַרימטער אלמי, חשבון מיט זיך, מיט קאָלעגן און מיט דער וועלט. איך בין פאַר אַ צייט אַריין אינם פּרדס פון מחשבות און גענאַשט פון כל־טוב: זכרונות און עסייען און אַלץ באַנאַנד געזען דעם אומרעליגיעזן אלמי אַלס שטאַרק געפילפולן רעליגיעזן איד, וועלכער האָט נאָך אַלע זוכענישן צי ביי שפּינאָזען צי ביי פּלאַטאָן, געמוזט זיך מתדבק זיין אין דער אידישער אמונה און געפינען ביי אים דעם פולן אויסדרוק פון „ואשפוך את נפשי לפני ד׳...“

אלמי דעקט אויף — און טאַקע אין פאָרמען פון מעדיטאַציע — די געפילן פון האַרץ, נשמה, ליידן במעמקים אין די טיפסטע ווינקלען פון זיינע עמאָציעס און טראַכטענישן.

איך האָב תמיד ליב צו לייענען אלמין; איך האָב ליב זיינע עסייען, זיין פּאָלעמיק, זיין זשורנאַליסטיק, זיין פעליעטאָן, זיין ליד; ווען נאָר איך קריג אין האַנט זיינס אַן אַרטיקל זיינס אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג זיינס אַ בוך (און איך באַדויער וואָס ווייט ניט אַלע זיינע ביכער געפינען זיך ביי מיר), לאָז איך עס קיינמאָל ניט אַרויס פון האַנט, ביז איך פאַרענדיק עס. ביי אַלמין געפין איך תמיד קלאָרע פאָרמולירונג און קלאָרע שטעלונג אין אַלע קעגנשטאַנדן וואָס ער באַהאַנדלט און אין אַלע זעענישן וואָס ער זעט און גיט קלאָרע אויסדרוקן צו זיינע געפילן אין זיינע פּאָעטישע שאַפונגען.

אלמי זאָגט אָפן און אָן פחד, לשמהדיק — און במילא אויפריכטיק, כאָטש ער וויזט אַרויס אַ טענדענץ פון פּאָלעמישער ליידנשאַפט. אין שרייבן פאַרמאָגט ער די דיסציפּלינירטע געצוימטקייט, כאָטש ער שרייבט מיט גרויס פאַרנעם וועגן אַלץ וואָס ער פילט אינטיאוטיוו. וויל אַלמי פאַרמאָגט דעם קינסטלערישן טאַלאַנט, דעם קינסטלערישן אויפּבּרויז, לעבעדיקייט אין אַלע חושים — און דאָס אַטראַקטירט און אימפּאָנירט אַ לעבעדיקן מענטשן. זיין שאַפן איז באַהויכט פון אַ לעבעדיקייט, פּילפאַרביקייט און פיל־געשטאַלטיקייט — און דאָס אַלץ האָב איך געפונען אין זיין „חשבון און סך־הכל“. יעדער שילדערונג, יעדער דערציילונג, יעדער דערמאָנונג, יעדער געדאַנק קומט אַרויס אַזוי לעבעדיק, ניט אַכטנדיק די פּרטימדיקייט. דער אַלגעמיינער געדאַנק ווערט ניט פאַרלוירן אין די איינצלהייטן.

אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן זיינע איצטיקע רשומות ווייל אין זיי קומט צום אויסדרוק דאָס לעבן פונם שרייבער. זיינע קאָנפעסיעס, אין פאָרם פון השתפכות הנפש, קומען אַרויס אין רשות הרבים פונם חשבון לייענער — און ווי מיר זעען פון זיין אייגענעם אַריינפיר, האָט ער געפילט, אַז ער מוז עס טאָן, האָבנדיק אין זינען דעם זאָג אין אָבות: „ואם לא עכשיו אימתי“.

„איך האָב מיטאַמאָל — שרייבט ער — דערפילט אַז מען דאַרף פריער זיין גאַנץ אין ווילן און אין באַשלוס כדי אונטערציען אַ גאַנצן סך־הכל — דורך וועלכן וועזנטלעך גאַנץ צו ווערן און גאַנץ צו שטאַרבן.“

אָבער דאָס — גיט ער צו — קען ער נישט און קיין יחיד קען עס נישט טאָן, דערצו נאָך אַ יחיד ווי ער, „וואָס ער אַליין איז ווי אַ מיניאַטור־וועלטל אין דער גרויסער וועלט — צעבראָכן ווי זי, אין קאָנפליקט מיט זיך אַליין, ווי זי איז, הגם ער שמייכלט...“ (ז׳ 15).

יאָ, די זכרונות זיינען אַ דאָקומענט פון אַ שרעקלעכן נשמה־געראַנגל ביים קינסטלער און דענקער וועלכער שרייבט פאַר דער וועלט, איז תמיד אין געזעלשאַפט און דאָך לעבט ער עלנט, איזאָלירט, איינגעשלאָסן אין זיין ענגן תחום און עס גלוסט זיך אים, ווי אַ רעליגיעזער איד אויסשרייען זיין איזאָלירטקייט: „מאין יבא עזרי“ — עזרי מעם ד׳!“ ער קען דאָס אָבער ניט און געפינט בלויז טרייסט ביי זיין שרייבט־טיש, מיט דער קרעאַטיווער פען, אין וועלכער ער געפינט אמונה, געטלעכקייט, גן־עדן.

די זכרונות זיינען אויך אַ סאָרט קאָנפעסיע, אַ פולע אויטאָביאָגראַפיע, ממש אויפגעדעקט זיין פּריוואַט, אינטים לעבן... און אין מיין עניוותדיקייט, וויל איך דאָך שטעלן די פראַגע: צי ס׳איז נויטיק צו דערציילן, טאַקע דעם אמת, אַזעלכע אינטימיטעטן. אפשר יאָ! אפשר האָט אַן ערלעכער שרייבער די רעכט צו דערציילן דעם אמת, אפשר דאַרף אַ שרייבער האָבן די רעכט זיך אַראָפּצורעדן און אַרויסצורעדן פון האַרץ און זאָל די וועלט קענען דעם גאַנצן מענטשן מיט זיין גבורה און שוואַכקייט, דער עיקר איז, צי דער קינסטלער איז ערלעך, אויפריכטיק און צי גיט ער עס איבער אינם געהעריקן לשון, קינסטלעריש, דער לייענער זאָל באַווירקט ווערן.

אלמי, ווי מיר קענען אים, איז תמיד דער קינסטלער־שרייבער וואָס מאָנט ביי זיינע קאָלעגן מענטשלעכקייט און ערלעכקייט און ווען נאָר ער דערטאַפּט אוממענטשלעכקייט ביי זיינס אַ קאָלעגע, שוויגט ער ניט. ער איז ניט פון די שוויגער. ער פאַרשוויגט זיך אויך ניט, אויב נאָך אַ חשבון הנפש ער געפינט ביי זיך אָט די שוואַכקייטן, רוט ער ניט און ער איז גרויסמוטיק גענוג צו זאָגן פאַר דער עפנטלעכקייט אָשמנו... „אויך איך בין ניט פריי פון זינד“... ער איז ניט מילד צו

אופן ניט געקענט פועלן ביי זיך צו צעברעכן זיין פאַמיליע. קיי־פו איז געוואָרן אומרואיקער און אויפגערייצטער טאָג צו טאָג.

איינמאָל, כמעט ווי רעדנדיק צו זיך אַליין, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האָט פאַרשוואַנגערט פון אים. אַנדרעי איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער ווי פאַראַליזירט. עפּעס וואָס ער האָט אפילו אַליין ניט פאַרשטאַנען האָט זיך גערירט אין די טיפסטע טיפענישן פון זיין נשמה. מיט אַ פאַרפלאַמטן און מיט כעס־פולן פּנים האָט ער זיך אַ דריי געטאָן צו איר און אַרויסגערעוועט: „ניין, ניין, דאָס טאָר ניט פּאַסירן! דו טאָרסט ניט האָבן אַ קינד פון מיר! איך וויל דיין פּנים ניט אָנקוקן ביז דו וועסט פון דעם נפש פּטור ווערן!“ ער האָט האַסטיק פאַרלאָזן דאָס צימער, וואַרפנדיק אַ לעצטן בליק אויף די אַקאַרשטיקע „הייליקע“ קיי־פו, וועלכע איז איצט געלעגן אויף דער סאָפע איינגעקאָרטשעט און ציטערנדיק אויף איר גאַנצן קערפּער.

צוויי מאָנאַטן־לאַנג האָט ער פון איר ניט געהערט. דאָס ניט־פאַרשטענדלעך האַס־געפיל צו איר האָט אין אים נאָכגעלאָזן. ער האָט ווידער אָנגעהויבן שטאַרק צו בענקען נאָך איר. אַ שרעקלעכע חרטה האָט אים געפייניקט פאַר דער ברוטאַלער באַנעמונג צו זיין אַנגעלישער קיי־פו. ער איז געלאָפן צו איר דירה. זי איז שוין אָבער דאָרטן מער ניט געווען. ער איז געוואָען פאַרווירט, קאָנפוזירט און צעדרודערט. זיין לעבן איז אים געוואָרן מיאוס, עס איז געווען אַ לעבן אָן זין, אָן איינהאַלט און אָן אַ צוועק.

מיט אַמאָל באַקומט אַנדרעי אַ טעלעגראַמע ער זאָל גלייך קומען אין שטאָטישן שפּיטאָל. און אָט זיצט ער לעבן איר. זי ליגט אַ שטאַרבנדיקע אויפן ציכטיקן שפּיטאָל־בעטל. קוים וואָס אירע שיינע ליפּן באַוועגן זיך: „אַנדרעי, איך האָב געוואָלט בלייבן ביי דיר; בין געגאַנגען צו אַ פרוי און זיך געלאָזט אַרויסנעמען אונדזער ניט־געבאָרן קינד.. האָב מיך ניט פיינט, מיין איינציקער אַנדרעי...“ איר שוואַכע האַנט איז אַרויסגעפאַלן פון זיינע. זי איז געווען טויט.

## עפּילאָג

אַנדרעי איז גערירט געוואָרן פון זינען. ער האָט פאַרלאָרן יעדע פאַרבינדונג מיט דער ווירקלעכקייט, נאָר איין בילד איז געשטאַנען קלאָר פאַר אים: דאָס לעצטע בילד ווי קיי־פו איז געלעגן אָן איינגעדרייטע און אַ ציטערנדיקע דאָס לעצטע מאָל אין איר דירה נאָכדעם ווען זי האָט אים מודיע געווען וועגן איר שוואַנגערשאַפט.

אַ פאַרצווייפלטער געשריי רייסט זיך פון זיין האַרצן. דער געשריי הילכט אָפּ אין די טונקעלע קאָרידאָרן פון דעם אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע. די טיפע שטילקייט ווערט טיפער. קיינער הערט אים איצט ניט. ער, דער אומגליקלעכער באַגרייפט ניט אפילו אַז מיט דער גרויזאַמער נאַטור טאָר מען זיך ניט שפּילן...

אפשר איז בעסער אַזוי.

זיך פונקט ווי ער איז ניט מילד צו אַנדערע זינדיקע.

אַלמיס „ליכט און שאָטן" פון דער אומהיימלעכער פּאַנאָראַמע, ווי ער רופט עס, האַלט געשפּאַנט דעם לייענער פון ערשטן בלעטל ביזן סוף. יעדער שורה איז אינטערעסאַנט, לעבעדיק — און מ'פילט אין די ווערטער דעם אייגענעם איבערלעב פון צייט צו צייט. מורא, פּחד און פּעסימיסטישער געפיל וואָס נאָגט און נעגט קומט צום אויסדרוק; פונקט אַזוי ווי ס'גנבעט זיך אַריין אין די פאַרשיידענע קעמערלעך פון מענטשלעכער מחשבה די ספקות און האָפענונג אויף השארת הנפש.

אין אַ געוויסן זין, האָט דער לייענער און שרייבער פון די שורות געפונען אייגענע מחשבות אין אַלמיס ווידויס און די אוממוראַ פאַר טויט, וואָס איז לויטן זוהרשן באַגריף אַ חופּה־טאָג ביים צדיק יסוד עולם, אַ חופּה פון קדושין, אַ תיקון הנשמה, אַ לייטער צו אַ נייעם עולם, אַן איבערציען זיך אין אַ נייער דירה.

אַלמיס „פרייע יאָרן" זיינען פּרעכטיק געשילדערט. זיין זכרון איז גרויס און זיין טאַלאַנט גיט לבוש דעם זכרון. אַזוי „די האַנט" און אַזוי די אַנדערע שילדערונגען. באַזונדערס אימפּאָנירט ער מיט דער שפּילעוודיקייט פון זיין לשון און סטיל.

אין דער „האַנט" זעט ער די סימבאָלישע יד חזקה פאַר וועלכער ער ציטערט און ער ווייסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנטלויפן... פון דער אַלמעכטיקער האַנט וואָס האָט דיך אַריינגעשטויסן אין לעבן אַריין (ער שילדערט עס מיט אַ פראַגע צייכן). אין זיין שילדערן וואַרשע מיט איר אָרעמקייט זעט דער לייענער פאַר זיך וואַרשע, ער הערט וואַרשע, ער האָט פאַר זיינע אויגן די געשטאַלטן פונם אָרעמען קוואַרטאַל, דעם לעבן און קאַמף אין די אָרעמע הייף — אַ שטיק רעאַליזם, ווי אַב. קאַהאַן וואָלט געזאָגט אין גרויס באַגייסטערונג.

מיטן זעלבן כח און טאַלאַנט באַשרייבט ער דעם קאַמף ביי אים צווישן דער רעכטער און לינקער האַנט און ווי אַזוי דער שלום איז געמאַכט געוואָרן צווישן זיי: עסן און שרייבן מיט רעכטע און שניידן קלאַפּן מיט דער לינקער האַנט... ס'איז אַ חיות צו לייענען אַזעלכע שילדערונגען.

אַלמי, דער קעמפערישער, איז פון קינדווייז אָן אַ האַסער פון פלייש, פון בלוט און האָט קיינמאָל ניט פאַרזוכט קיין טעם בשר און ניט מיטגעריסן געוואָרן פונם ריח פון וואַרשעווער טשאָלנטער. דאָס איז אמתע גבורה, קינדישע גבורה וואָס שטייט אַזוי הויך ווי דער איזהו גבור הכובש את יצרו . . .

קיין אַמעריקע איז אַלמי געקומען אין 1913 — און באַלד אַריין מיטן גאַנצן פוס, ראשו ורבו אין דער אידישער פרעסע — און ער שילדערט זיין עפּאָכע אין דער אידישער פרעסע פון אינעווייניק; ער שילדערט די גאַלעריי פערזענליכקייטן, רעדאַקטאָרן און שרייבער פאַרבונדן מיט דער אידישער פרעסע. אַלץ געמאָלן אַזוי לעבעדיק, קאָלירפול—און דעם פועל יוצא וואָס קען דער לייענער לערנען? מה קאָ משמע לן? דער מוסר השכל? — יאָ, דער ציניזם, מוראַדיק באַאיינפלוסט די אידישע געזעלשאַפט און זייער ווירקונג דאַרף מען דאָך ניט דערציילן . . . געשריבן אין אידיש און געקוקט מיט ביטול אויף דעם לשון פונם פאָלק; אַגיטירט פאַר פרומקייט און אַליין ווייט געווען דערפון, געשפּאָט און אָפּגעלאַכט פון אמונה, ציניש געחוזקט פון די אידישע מאַסן, איז וויאַזוי האָבן זיי געקענט דערציען אַ באַוואוסטזיניקן דור פאַר אמונה און גאַנצער אידישקייט.

אַלמי שעמט זיך גאָר נישט דערציילן, אַז צווישן די רעדאַקטאָרן האָבן זיך געפונען קאָרטן־שפּילער (יונה בן אמיתי־יאָהאַן פּאָלייעוו) אַביסל אונטערגעשמדט און זייער שרייבן איז בלויז געווען לשם פרנסה . . . עס איז נבהל ונשתומם צו ווערן פון דעם וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין די רייען פון די פען־קנעכט . . . איז אַ וואונדער וואָס דער ערשטער אידיש־ריידענדיקער דור איז אַזוי פאַרלוירן געגאַנגען פאַר אונזער זאַך, פאַר דער זאַך פון אָרגאַניזירטקייט, פרומקייט און באַוואוסטזיניקייט.

ניט בעסער איז געווען אין ראַדיקאַלן לאַגער. ער שאַנעוועט ניט די אַמאָליקע אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן — די פירער און רעדאַקטאָרן פון דער אַנאַרכיסטישער און סאָציאַליסטישער פרעסע, דער עיקר נעמט ער זיך צום דעקאַן פון אָט דער פרייער פרעסע, צו ש. יאַנאָווסקי'ן, לאַכט אָפּ פון זיין גדלות און פון זיינע רעדאַקטאָרשע באַטיצן, וועלכע ער האָט פאַר „...צעשוואומענע, צעצויגענע פלוידעריי און וואויל־יונגערשן טאָן אָן סטיל, פלאַך..." און זיין בריוקאַסטן, האַלט ער פאַר אַ מיסטקאַסטן . . .

אַלמי ווייזט אָן אויף יאַנאָווסקי'ן פּרימיטיווע השגות פון ליטעראַטור, אויף זיין עם הארצות . . . און אַז נאָר אין דער דעמאָלטדיקער אַמעריקע, האָט עס געקענט מעגליך זיין, אַז אַזאַ פּערזאָן זאָל ווערן אַ טאָן־געבער אין ליטעראַרישע ענינים און פירער פון אַרבעטער־מאַסן.

אויך ביי אים זעט ער מוראַדיקן ציניזם און דערצו אַ דיקטאַטאָר־עגאָאיסט. פאַרשטייט זיך, אַז אַ שרייבער וואָס איז געקומען שוין נאָכן „שטורעם־און־דראַנג" פּעריאָד און איז ווייט ניט בלויז אין שטח פון יענעם ווינקל אינם אידישען לעבן, האָט ניט קיין רעכט דן צו זיין, עס איז אָבער ניטאָ קיין סיבה צו צווייפלען אין אַלמי'ס שילדערן די פערזענליכקייט וועלכע ער האָט געקענט פון דער נאָענט און די באַוועגונג אין וועלכער ער האָט זיין יוגנט אַוועקגעשענקט אָדער פאַרשווענדט... דערצו, איז אַלץ געשילדערט אַזוי בילדלעך, לעבעדיק־אינטערעסאַנט און אין געראַנגל צווישן מוט און פּחדנות האָט מוטיקייט געקראָגן די שליטה און ער זאָגט דעם אמת, ניט ווערנדיק נתפעל, ניט פאַר גבירים, ניט פאַר דיקטאַטאָרן, ניט פאַר שרייבער און ניט פאַר רעדאַקטאָרן, און מיט זיין שאַרפער פען זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג און דעם גאַנצן לעבן געווידמעט דער אידישער מחשבה און דער אידישער פּאָעזיע — און אַריינגעבראַכט אַן אוצר צו אונזער ליטעראַרישן פאַרמעג.

אין „חשבון און סך־הכל" גיט אונז אַלמי אַ צאָל טיפּזיניקע עסייען וועלכע האַלטן וואַך דעם מוח און פירן אַריין דעם לייענער אינם היכל המחשבה. אויך אין זיינע זכרונות כאַפּן זיך אַריין עסייאיסטישע מאמרים, ווי למשל זיין סינטעז צווישן עטיק און עסטעטיק, רחמנות און אכזריות, און ביי אים קומט דער „דע את אלקיך" פונם „דע את עצמך", ער פילט אָט די סינטעטישע הינו־הך דערקענטניש, ווי ער זאָגט:

„דער ווידערווילן פון דעם עסטעט אין מיר צו דאָס מיאוסע און אָפּשטויסנדיקע האָט מיך געשטויסן צום קאַמף . . ." אָבער, ער, ווי יעדער בן־אָדם, איז אָפט ניט שטאַרק גענוג מנצח צו זיין אין דער פאַרלוירענער שלאַכט, ווי מיר זען עס אין זיינע זכרונות וועגן זיין רייפער יוגנט, זיין אינטימען לעבן, זיין טראַגיזם אינם קאַמף מיט זיך — און די פּרקים זענען דאָך דער ווידוי־טייל וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן פאַר דער וועלט, אַזוי שנעל ווי ער איז אַריין אינם זקנה־עלטער (אַריבער די זעכציק!). ריכטיק, ער האָט געקענט און געדאַרפט אַרויסלאָזן אייניקע פּרקים און דאָס איבערלאָזן צום יודע מחשבות, ביי וועמען אַלץ איז כתוב וחתום, ווייל נאָר ער, דער „יוצרם" און „יודע יצרם" איז באַרעכטיקט צו האָבן אין זיין ספר הזכרונות אַלץ וואָס מענטש פאַרגעסט אָדער וויל פאַרגעסן, כי זוכר כל הנשכחות... ליבע אפערעס ווי קינסטלעריש זיי זאָלן ניט געשילדערט ווערן, אויב זיי האָבן צו טאָן מיטן קינסטלער באַרירן זיי די קרוין פון הויך־שעפערישקייט.

מיר, פשוטע לייענער, מיינען תמיד (אפשר איז דאָס אַן איינגערעדטע זאַך), אַז דער גרויסער קינסטלער דאַרף זיין אויף דער הויך פון מאָראַלישער דערהויבונג, ווייט פון גופיקער תאווה און דאַרף זיין אַ מוסטער פון צניעות לדור־דורות. מעשה נעורים און מעשה ילדות האָבן געקענט אויסגעלאָזן ווערן, בעת ס'וואָלט געבליבן דער פּרק „די פיר כחות", וואָס ווייזט ווי די נאַטור באַהערשט דעם מענטש און אַז דער לעצטער דאַרף זיך גאָר ניט באַנעמען מיט גרויסקייט, ווען ער ווייסט דעם „דע מאין באת!".

אויך אין זיין אָפּרעכענען זיך מיט שרייבער כפוי טובה, האָט מען געקענט אַ סך אַרויסלאָזן צוליב כמה טעמים — און דערעיקר, צו וואָס דאַרף דער פשוטער לייענער וויסן פון די אַלע שוואַכקייטן ביים שעפערישן מענטש וועלכער קען זיך בשום אופן ניט באַפרייען פון עגאָאיסטישע קליינלעכקייטן . . .

אַלמי איז דאָך פאַראינטערעסירט אין ליטעראַרישן חשבון הנפש און דערביי, דאַכט זיך לפי עניות דעתי געדאַרפט זיך האַלטן שטרענג. ער האָט גענוג צו דערציילן, גענוג איצערצוגעבן אין שייכות מיט ליטעראַרישקייט ביי די שריפטשטעלער, איז צו וואָס אַריינברענגען די סענסיטיוו־יחידישע. דאָס קען מען איבערלאָזן צום דיין ומוכיח . . .

פאַר אונז איז געווען גענוג אינטערעסאַנט און ניי, די פּרטים פונם לעבן אינם אַמאָליקן זשורנאַליסטישן קרייז; דאָס שילדערן די ליטעראַרישע „גדולים" ווי בוביליק וחברותו און יאַנאָווסקי מיט זיין חברה, די אַזוי גערופענע ליטעראַרישע „גענג" און ליטעראַרישע „רע־

קעטירונג". ער האָט אויך געטאָן גוט אין זיין שילדערן און כאַראַקטע־ריזירן דעם ניט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם „ספעץ" אויף אַלע אידישע ענינים. זאָל מען אַמאָל וויסן, ווי אַזוי שאַצקי, דער עושה מעשה זמרי אין שייכות צו קאָלעגן, איז שטענדיק געווען אַ מבקש (און געקראָגן וואָס ער האָט געוואָלט) שכר כפינחס. תמיד זיך מתלבש געווען אינם פעלץ פון צדקות און ריינער וויסנשאַפט אָבער פול געווען (מעג דאָס זיינע חסידים פאַרדריסן און אַרויסגעבן נאָך ביכער געווידמעט . . . ) מיט נגיעות, פניות און געזען בלויז זיך, אין דער בחינה פון „אני ואפסי עוד"...

עס ווילט זיך אָפּשטעלן אויף אַ צאָל פּרקים, אָבער דאָס וואָלט פאַרפירט אין אַ סעריע מאמרים, און דאָס קענען מיר ניט טאָן, צוליב כמה וכמה טעמים — און דער עיקר, דאַרף מען בלויז אָנרעגן און אַרויסרופן אינטערעס צום בוך און צום מחבר, און דאָס פּרובירן מיר טאָן לויט אונזערע באַשיידענע כחות. מהאי טעמא, קענען מיר זיך ניט אָפּשטעלן אויף יעדער עסיי באַזונדער, ווייל מיר ווילן אַז דער לייענער פון די דאָזיקע שורות זאָל זיך איינשאַפן אַלמי׳ס סך־הכל און זיך פאַר־טיפן אין זיינע געדאַנקען.

מיר ווילן זיך בלויז אָפּשטעלן אויף די לעצטע צוויי עסייען, צוליב זייער ברענענדיקער אַקטואַלקייט נאָך היינט צו טאָג: זיין פּאָלעמיק וועגן זשיטלאָווסקי און אַש.

שוין דאָס קאַפּל, „דאָס רעטעניש זשיטלאָווסקי" זאָגט אָן אויף אַלמי׳ס צוגאַנג צו זשיטלאָווסקין. ער איז ניט קיין חסיד זשיטלאָווסקי׳ס און ער איז ניט קיין קעגנער; ער האַלט ניט פון דעם רבי פון אידישיזם און ער נעגירט ניט זיין ווערט פאַר אידיש לשון און קולטור. זיין צוגאַנג איז אַן אָביעקטיוו־קריטיש־אַנאַליטישער און זיין סך־הכל, „אַ קינד קינדישקייט" און אַ גרויס רעטעניש: אַ רעטעניש די פּערזאָן; אַ רעטעניש זיינע אַנשויאונגען; אַ רעטעניש זיינע פילאָזאָפישע און פּאָליטישע אויספירן; אַ רעטעניש זיין ראַביסטווע; אַ רעטעניש די זשיטלאָווסקי־קולט.

אַלמי ברענגט אַרויס גאָר אָביעקטיוו־קלאָר די סתירות אין זשיט־לאָווסקי׳ס שרייבן, אין זשיטלאָווסקי׳ס פילאָזאָפיע, טעאָריע און פּראַק־טיק. ער מינימיזירט אָבער ניט זיין ווערט פאַר אידיש. עס איז אַ פּול־שטענדיקע, און, אָן פּניותדיקע אָפּשאַצונג פון אַ מענטשן וואָס האָט אַ צייט מרעיש עולמות געווען.

אַלמי האַלט ניט פון דעם אקסיאָם. איך משיבין את הארי לאחר מיתה. מען מעג יאָ אָפּפרעגן, אויב מ׳זעט ניט אויסגעהאַלטנקייט. ער גייט אָבער ניט אַריין אינם פּערזענלעך־צעריסענעם לעבן זשיטלאָווסקי׳ס — און אין דעם זעט מען גראָד יאָ דרך ארץ פאַר דעם ארי לאחר מיתה... ווען ער לעבט, וואָלט אים געשטעלט געוואָרן די פראַגע, וויאַזוי דער טעאָרעטיקער פונם אידישיזם האָט געקענט לאָזן זיין הויז הפקר פאַר פולשטענדיקער אַסימילאַציע.

וואָס שייך שלום אַש׳ן, איז אַלמי מכמה טעמים שטרענגער, ניט אַכטנדיק זיין ליבשאַפט, פּיעטעט און רעספּעקט צום מייסטער פונם „שטעטל".

ער לערנט מיט אונז דאָס קאַפּיטל אַש פון אלף ביז תיו, אַ האַלבן יאָרהונדערט שטורמישע קאַריערע פון אַ אידישן שרייבער, פון „ג־ט פון נקמה", מילה־סקאַנדאַל, ביז די נוצר נוצרי־ווערק. ער זוכט אָן ענטפער אויף די קשיות וואָס מ׳האָט געשטעלט אין אַלע צייטן וועגן דעם וואָרט־מייסטער שלום אַש, און ער באַדויערט וואָס ער דאַרף זיין צווישן זיינע קעגנער, אָנקלאָגער, באַשולדיקער, אָנשטאָט פאַרטיידיקער.

אַלמי פּאָלעמיזירט מיט אַ צאָל פון זיינע פאַרטיידיקער, און דער־עיקר שטעלט ער זיך אָפּ אויף די זכרונות פונם באַוואוסטן ראָמאַניסט שלמה ראָזענבערג, דער אַרכי־פאַרטיידיקער פון זיין קרוב שלום אַש. ער פירט מיט אַ פעדער־געפעכט — אָבער מיר מוזן מקצר זיין.

אַלמי׳ס אַרגומענטן זענען אַ געזונטער בייטראָג צו דער גרויסער ליטעראַטור אַרום דער אַש־דערשיינונג. אויך דער שרייבער פון די שורות האָט עטלעכע מאָל בחייו ולאחר מותו געשריבן וועגן דער בלאָנדזשעניש פונם קוטנער שרייבער וואָס האָט געוואָלט די וועלט איינשלינגען און האָט דאָס ניט געקענט באַווייזן.

צום סוף:

מיר האָבן בשום אופן ניט געקענט איבערגעבן דעם גאַנצן תמצית פון אַלמי׳ס סך־הכל — אַפילו ניט אויף דעם קאָנדענסירטסטן אופן. אויף דערויף דאַרף מען זיין אַן אַלמי, אַ וואָרט־מייסטער וואָס באַהערשט דאָס וואָרט, און דער שרייבער האַלט, אַז ער איז נאָך ווייט פון דער דאָזיקער מדרגה און שרייבערישן באַרוף. מיר האָבן בלויז אַרויס־געבראַכט די אַלגעמיינע שטריכן און כוללדיקע סומירונגען וזה שכרי!

אויב אָבער מיר זאָלן אָננעמען דעם כלל, אַז אַ ווערק ווערט געמאָסטן לויט דער מאָס פונם אָפּקלאַנג ביים לייענער, איז אַלמי׳ס ווערק פון די שטאַרקסטע און זיינע זכרונות — די געוואַגטסטע. פאַר־הוילנקייט, ווערט נגלה פאַר דעם לייענער, פאַר דער עפנטליכקייט. דער קינסטלער האָטגעוואַגט אויפצודעקן זיין נשמה און האַרץ מיט דער גאַנצער אינטימיטעט, וועט עס זיכער בלייבן אַ דאָקומענט פון אַ שעפעריש־אידישן מענטשן אין דער שטורמישסטער תקופה אין דער אידישער און אַלגעמיינער געשיכטע.

**די רעדאַקציע איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַרויס־געזאָגטע מיינונגען פון די שרייבער. יעדער שרייבער האָט אַ רעכט אויסצודריקן זיין אייגענע מיינונג.**

אַלעקסאַנדער לאַקשיין

# „אַ ליב געזאַנג אין פערזן"

געווידמעט די פרויען פון הדסה, מזרחי און פּיאָנערן,
וועמענס גרויסע פאַרדינסטן פאַר „ישראל", איז נים אָפּגעשאַצט צו ווערן.

די בעסטע יידישע טראַדיציעס און דער הויך־מענטשלעכער אידעאַל,
האָט זיי אַלעמען מיט איין ציל פאַראייניקט, אומעטום און איבעראַל.
פון קאַנאַדע, אין צפון, וואו די קעלט מאַכט ציטערן אונזער יעטווידע גליד,
ביז פלאָרידע, וואו די זונען־שטראַלן, אונז האַלדזן און קושן, ווערן קיינמאָל ניט מיד;
פון דער ווייטער קאַליפאָרניע מיט איר מחיהדיקן וואַרעמען קלימאַט,
ביז דאָס ראַשיקע ניו־יאָרק, וואו הימל־קראַצערס, די זון־שיין פאַרשטעלן כמעט.
אומעטום אַרבעטן זיי פאַר די, וואָס קומען קיין ישראל פון דער גאַנצער וועלט,
פאַר מענטשן צעבראָכענע, הילפלאָזע, פאַר וועמען דער קוואַל פון פרנסה עס פעלט.
צום אידעאַל איבערגעגעבן, ווען דער ציוניזם אַ חלום, אַ ווייטער טרוים נאָך געווען,
אָבער, זינט די עטאַבלירונג פון מדינת־ישראל, זינט אָט דער גרויסער נס איז געשען,
זינט דאַן— מיט מער ענערגיע און מיט מער התלהבות—מיט זייער אַרבעט גייען זיי אָן.
און די רעזולטאַטן — זיינען גלענצנדיק, וואונדערבאַר! מער ווי די פאַנטאַזיע
זיך פאַרשטעלן קאָן:
פיל ערטער אין ישראל, וועלכע זיינען געווען פוסט און שרעקלעך וויסט פאַר
הונדערטער יאָרן,
זיינען מיט זייער הילף און פרעכטיקע רו־פּלעצער, אין אמתע גן־עדנס פאַרוואַנדלט
געוואָרן;
און דאָרט, וואו מען האָט פריער אַזוי שרעקלעך געליטן פון אַ לופט אַ פאַרפּעסטעטער
און אַ שלעכטער,
טראָגט זיך איצט דער אַראָמאַט פון דופטיקע בלומען, און ס׳הילכט אַ געזונטער
קינדערשער געלעכטער.
היינט, זייערע אַנדערע צאָלרייכע אינסטיטוציעס פאַר פאַרשיידענע צוועקן —
דאָרטן אין ישוב —
טוען אויף ממש וואונדער! ווי דאָס אַלץ וואָלט געאַרבעט נאָר דורך אַ צויבער
און דורך אַ כישוף.
און אָט די הייליקע אַרבעט גייט אָן, אין די ישובים לענג־אויס דעם מיטללענדישן ים,
און אין די זידלונגען, וואו מ׳זעט נאָך קאַראַוואַנען פון קעמלען באַוועגן זיך קאַם.
מיט איין וואָרט — פון דן ביז בר־שבע און ביז דעם דרומדיקן פאָרט אילת,
און אין אַלע פאַרוואָרפענע ווינקלעך אין דעם, נאָך גאָר יונגן, יידישן שטאַט.
און דאָס ווערט דערגרייכט ניט מיט קיין כוח, ניט מיט קיין גבורה און ניט מיט
קיין מלחמה־וואָפן,
נאָר דורך אידעאַליזם און אָפּפערווילִיקייט—טוען אָט די נאָבעלע פרויען—אַלץ שאַפן.
געבענטשט זאָלן זיין די טייערע און ליבע פרויען פון הדסה, מזרחי און פּיאָנערן!
מיר אַלע שטאָלצירן מיט זיי, מיר שטאָלצירן! פאַר דער גאַנצער וועלט, טוען מיר
דאָס פייערלעך דערקלערן.

ניו־יאָרק

Dr. A. A. Roback
129 Mt. Auburn St.
Cambridge 38, Mass.

33

דר. א. שטילמאַן

# נאַכלעסיקייט

נאַכלעסיקייט איז דער גרעסטער שונא פון מענטשן. יעדעס מאָל ווען עס טרעפט אַ קאַטאַסטראָפע, ווי אַ צוג גייט אַראָפּ פון די רעלסן, אַן עראָפּלאַן קראַכט, אַ שיף שלאָגט זיך אָן אין אַן אַנדער שיף, אָדער פאַרשיידענע אַנדערע אומגליקספאַלן אין פאַבריקן און אַלערליי אינדוסטריעס, באַווייזט די אונטערזוכונג, אַז די שולד פון אומגליק איז אין דער נאַכלעסיקייט. דער צוג וואָלט נישט געווען אַראָפּ פון די רעלסן, ווען די וואָס גיבן אַכטונג וואָלטן נישט פאַרזען אַ געוויסן דעפעקט. דער עראָפּלאַן וואָלט נישט געקראַכט ווען די עלעקטרישע און ראַדאַר־אויסשטאַטונגען וואָלטן געווען אין אָרדענונג. די שיף וואָלט זיך נישט געווען אָנגעשטויסן אין דער אַנדערער שיף ווען די קאַפּיטאַנען וואָלטן זיך נישט פאַרלאָזט אויף אומדערפאַרענער מאַנשאַפט צו טאָן דאָס רודערן אין אָט דעם ספּעציפישן מאָמענט, און אַזוי כסדר — מענטשלעכע נאַכלעסיקייט ברענגט אומגליק.

באַזונדערס שעדלעך איז די נאַכלעסיקייט אין דער מעדיצין. גרויסע צאָל אומגליקן וואָלטן געקאָנט פאַרמידן ווערן ווען פאַציענטן וואָלטן נישט געווען נאַכלעסיק. אויך דאָקטוירים זיינען נישט אינגאַנצן ריין פון דער זינד פון נאַכלעסיקייט, אָבער דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, און מיר וועלן וועגן דעם היינט נישט ריידן. היינט וועלן מיר בלויז שמועסן וועגן דער נאַכלעסיקייט פון פאַציענטן.

ווען עס זיינען אַרויסגעקומען די סאַלק־וואַקסין איינשפּריצונגען קעגן „פּאָליאָ", האָט מען אַפּעלירט צו דער באַפעלקערונג, אַז מען זאָל זיך גלייך באַנוצן מיט דעם דאָזיקן פאַרמיידונגס־מיטל. ווען ס'האָט דעם לעצטן זומער אויסגעבראַכן די עפּידעמיע פון „פּאָליאָ", האָט אַ גרינדלעכע אויספאָרשונג באַוויזן, אַז דער גרעסטער פּראָצענט פון די קראַנק געוואָרענע זיינען צווישן די וואָס האָבן נישט געקראָגן די געפאָדערטע דאָזעס פון דעם סאַלק־וואַקסין. דאָס איז אַ נאַכלעסיקייט, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסע צאָל אומגליקן. עס וואָלט, אין אַ גרויסער מאָס, געווען אויסגעמידן געוואָרן, ווען מען זאָל אין דער הינזיכט נישט געווען זיין נאַכלעסיק.

עס זיינען פאַראַן אַ סך פאַלן פון קאַנסער, וואָס זיינען פולשטענדיק היילבאַר. די אָנגעגריפענע אברים ווערן כירורגיש באַזייטיקט און דער פאַציענט ווערט אויסגעקורירט. מען דאַרף אָבער אין פאַרלויף פון פינף ביז צען יאָר אַכטונג געבן צי עס באַווייזט זיך נישט קיין סימנים פון אַ ווידער־אויפלעבונג פון דעם געוויקס. ווען דאָס טרעפט, און מען באַמערקט עס באַצייטנס, קען מען אויך דאָס באַזייטיקן אָן באַזונדערע שוועריקייטן.

געוויינלעך פאָלגן פאַציענטן אויס די פאַראָרדענונגען פון די דאָקטוירים די ערשטע צוויי יאָר. ווען זיי זעען אַז דער קאַנסערישער געוויקס קומט נישט צוריק, הויבן זיי אָן צו פאַרנאַכלעסיקן די וויזיטן צום דאָקטאָר. אָנשטאָט די געפאָדערטע אַלע זעקס חדשים קומען זיי אַ סך זעלטענער, אָדער אינגאַנצן נישט. אויב די קראַנקהייט ווידערהאָלט זיך נישט, איז די נאַכלעסיקייט פון פאַציענט נישט באַמערקט. אויב אָבער דער פאַל איז אַ פאַרקערטער, און מיט אַ צייט שפּעטער געפינט זיך דער פאַציענט אין אַן אומהיילבאַרן צושטאַנד, באַמערקט מען דעמאָלט די שולד פון דער נאַכלעסיקייט.

אַ פאַציענט איז געקומען צום דאָקטאָר און זיך באַקלאָגט, אַז ער האָט געזען בלוט בעת זיין שטול־גאַנג. דער דאָקטאָר האָט אים אונטערזוכט און נישט געפונען קיין שום קראַנקהייט. ער האָט אָבער געוואָרנט דעם פאַציענט, אַז די דאָזיקע אונטערזוכונג איז נישט קיין גרינדלעכע. כדי צו זיין זיכער, אַז אַלץ איז אָרדענונג מוז מען נעמען אַ גאַנצע סעריע ספּעציעלע רענטגען־בילדער (עקס־רעי). די אַראַנזשירונגען זיינען געמאַכט געוואָרן, אָבער דער חולה איז צו דער באַשטימטער שעה ניט געקומען. ער האָט אפילו נישט געפונען פאַר נייטיק צו טעלעפאָנירן דעם דאָקטאָר, אַז ער קומט נישט צו נעמען די בילדער.



מיט פערצן חדשים שפּעטער האָט דער פאַציענט ווידער דערזען בלוט אין דער שטול, נאָר דאָס מאָל זיינען צוגעקומען נייע סימפּטאָמען, ווי פאַרלוסט פון וואָג, מידקייט און שוואַכקייט. דאָס מאָל האָט שוין דער פאַציענט נישט פאַרפעלט צו־נעמען די בילדער, אָבער צום באַדויערן האָט מען קיין סך פאַר אים נישט געקאָנט אויפטאָן. אין בויך האָט מען פעסטגעשטעלט אַ גרויסן קאַנסערישן געוויקס, וואָס וואָלט געווען געקענט באַזייטיקט ווערן מיט פערצן חדשים צוריק. דאָס איז אַ נאַכלעסיקייט, וואָס האָט באַרויבט דעם פאַציענט פון זיינע אויסזיכטן אויסגעהיילט צו ווערן פון קאַנסער.

פאַראַן אַ געוויסע באַזע אין האַרץ־קראַנקהייט ווען דער קראַנקער ווערט אָנגעפילט מיט פליסיקייט. די פיס ווערן געשוואָלן, דער בויך ווערט געשוואָלן, די לונגען ווערן פאַרפלייצט און ס'איז שווער צו אָטעמען. די מעדיצין האָט פעסטגעשטעלט אַז אַזעלכע פאַציענטן קענען זיך אויסבעסערן און אָנגיין מיט זייערע געוויינלעכע באַשעפטיקונגען פאַר אַ סך יאָרן. עס פאָדערן זיך בלויז אַ פּאָר ענדערונגען אין דעם רעזשים.

ערשטנס, מוז אַזאַ פאַציענט פאַרקלענערן אַלע עסנוואַרגן וואָס אַנטהאַלטן זאַלץ. און צווייטנס מוזן זיי קריגן אַזאַ כעמישן שטאָף וואָס אַנטהאַלט „מוירקיורי" (קוועקזילבער). דער דאָזיקער שטאָף טרייבט דאָס וואַסער אַרויס פון די געוועב־סטרוקטורן, און די געשווילעכץ פון די גלידער און פון די לונגען פאַרשווינדן.

ווען אַזעלכע פאַציענטן היטן אָפּ אָט די צוויי פאַקטאָרן — אויסשליסן זאַלץ אין יעדער פאָרם, און נעמען רעגלמעסיק די פאַרגעשריבענע „מוירקורי"־מיטלען, קענען זיי פירן אַן אַקטיוו לעבן און זיך פילן פולשטענדיק באַקוועם פאַר אַ סך יאָרן. צום באַדויערן אָבער איז פאַראַן זייער אַ גרויסע צאָל פאַציענטן, וועלכע פאַרנאַכלעסיקן אָט די וויכטיקע צוויי פאַקטאָרן, און זיי ברעכן צוזאַמען. דאָס האַרץ וואָס קען נישט טראָגן די אָנגעלאָדנקייט פון געשווילאַכץ ווערט מיט יעדן טאָג שוואַכער, און דער פאַציענט ווערט אַ הילפלאָזער אינוואַליד.

מען דאַרף נישט גראָד אונטערשטרייכן די נאַכלעסיקייטן פון גרויסן ווערט. ס'זיינען פאַראַן פאַלן פון נאַכלעסיקייט, וואָס קוקן אויס צו זיין קלייניקייטן, און וואָס פירן אָפּט צו זייער ערנסטע פאָלג. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק ביי קינדער, וועלכע זיינען נישט מסוגל אַליין אויף זיך אַכטונג צו געבן.

אַ געוויינלעכע אומנאָרמאַלקייט אין דעם גאַנג פון קינד טאָר נישט פאַרנאַכלעסיקט ווערן. עס מוז קאָרעגירט ווערן אידער די ביינער ווערן דעפאָרמירט אויף אַ פּערמאַנענטן אופן.

אַ קינדס אויגן קענען ערנסט קאַליע ווערן אויב מען זאָל פאַרנאַכלעסיקן געוויסע סימנים פון קורצזיכטיקייט אָדער פון אַנדערע אומגעוויינטלעכקייטן אין דעם חוש פון זען.

איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין דעם וואַקס און אַנטוויקלונג פון קינד איז די ריכטיקע דערנערונג. עלטערן זיינען מחויב אַכטונג צו געבן, אַז די שפּייזן פון קינד זאָלן אַנטהאַלטן די נויטיקע פונדאַמענטאַלע עלעמענטן פון דערנערונג. די דאָזיקע עלעמענטן מוזן דעם קינד געגעבן ווערן אין דער פאָרם פון נאַרהאַפטע שפּייזן און געטראַנקען, באַזונדערס מילך, פּוטער, פלייש, אייער, ברויט, גרינסן און פרוכט. עלטערן וואָס האָבן אַ נייגונג צו פאַרנאַכלעסיקן די אויפפאַסונג איבער דער פּאַסיקער דערנערונג פון זייערע קינדער באַגייען זיי דערמיט אַן אומפאַרגעבלעכן פעלער. קינדער וואָס ווערן נישט אויפגעפאַסט עסן אַ סך זיסקייטן און ווייניקער אַנדערע דערנערונגען. זיי קריגן די גענוגנדיקע מאָס ענערגיע און קאַלאָריס אפילו ווען זיי עסן אַ גאַנצן טאָג בלויז שאָקאָלאַד, אָבער פאַר דעם וואַקס און אַנטוויקלונג פון דעם אָרגאַניזם איז עס שעדלעך. אַזאַ קינד אַנטוויקלט אַ דעפיציט אין וויכטיקע דערנערונגס־עלעמענטן, און דער גאַנצער פיזישער און גייסטיקער צושטאַנד ווערט צוריקגעשטאַנען.

נאַכלעסיקייט איז אַ פעלער וואָס פירט צו אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס. נאַכלעסיקייט מוז דעריבער אויסגעמידן ווערן.